STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05122

DER VAYSER TOYT

Boris Lavrenev

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. לאַווּרעניעוו

דער ווייסער טוֹיט

פון רוסיש: מ. מעדאָוניק

פ אַ ר ל אַ ג „אָ מ אָ ס“ ו וּ אַ ר ש ע

B. Lawrenjew – „Der Wajser Tojt"
Wydawnictwo „Omos"
Warszawa, 1931

Drukarnia
„B-ci Lewin-Epstein i S-ka"
Warszawa, Pawia 38.

דער ווייסער טױט

כוואַליקע, ווײַדענע סטענגעס פֿון כריזאַליטן־גלאַנץ האָבן זיך רוישנדיק געוויגט אונטן, און אויף זייערע שימערירנדיקע רוקנס האָבן אויפֿגעציטערט אַפּאַלענע שאָטנס פֿון הויכע, פּוילע, קײַלעכדיקע וואָלקנס. די וואָלקנס זענען געשוואומען איבערן אײַנגוס, איבער די צעשויבערטע שטערנס פֿון די פּעלזן צום מזרח, אָנטקעגן דער זיך פֿאַרשפּרייטנדיקער מילכיק־ראָזער שײַן פֿון באַגינען, און אָנגיסנדיק זיך מיט איר, האָבן זיי זיך געראָזט איבערן ים, ווי וואַרעמע מיידלישע קערפּערס אויף דער פּלאַזשע.

די כריזאַליטן־סטענגעס האָבן מיט אַ לאַנגזאַם און צעצויגן קנאַקן געריסן, צעשטויבט, און צעשאָטן זיך אין שײַנענדיקע, לעבעדיקע, קרישטאָלענע קײַקעלעך. אין אַ שטיפֿעריש געיעג, מאַכנדיק קאָזשעלקעס און בלישטשענדיק, האָבן זיך די קײַקעלעך געקײַקלט אויף דעם גרוילעכן פּאַס פֿון דעם קיזלשטיין און צעגייענדיק זענען זיי אויסגעלאָשן געוואָרן אויף אים.

לאַנגזאַם און וויגנדיק זיך זענען אָן אַ צאָל געגאַנגען די סטענגעס כוואַליעס פֿון דעם אָפֿענעם אײַנגוס־לעפֿצונג, פֿון דער מאַטער טיפֿעניש פֿון זיך וויגנדיקן נעפּל, וואָס איז געלעגן איבער דער ווײַטקייט, איבער דער הודיענדיקער ברייטקייט פֿון אָקעאַן.

הינטער די פֿרישע, געל־סמאַליקע בוילן פֿון האַפֿן־צופֿאָר, אין דער טיפֿעניש פֿון דער בוכט, קלעבנדיק זיך צו די מאַסיווע שפּיצעס פֿון דער הערכרונג, צו די אויסגעלונקענע וואָרצלען פֿון די באַרג־סאָסנעס, צו דער טונקעלער פּעל פֿון סכאַך, זענען ווי הילצערנע, האַלב־בלינדע וואַלד־גײַסטער געשלאָפֿן די הײַזער פֿון דער פֿאַקטאָריע*).

(* האַנדלס־פּונקט.

די שוואַרצע, שמאָלע פענצטערלעך האָבן אָנגעכמורעט געגלאַנצט אויפן ים. בלויז אין איין פענצטער פון דער לעצטער שאָפּע פון דער עלעקטראָווניע האָט זיך שלעפעריק געצאַפּלט אַ בלאַסע לילאַ-שיין, אָפּגעווישט דורכן פרימאָרגן.

דער פרימאָרגן פון גרויסער שטילקייט האָט זיך לאַנגזאַם און יום-טובדיק געוועקט איבערן איינגוס, איינגעוויגט דורכן שורשען פון זיידענע סטענגעס און פון קינדערישן מעוועס-געוויין.

אויף אַ קוווער-ברעט פון די לעצטע בוילן איז געזעסן אַ יונג אין פּראָסטע ברעזענטענע שטיוול און אין אַ געשטריקטן גרויען סוועדער און זיינע פיס זענען אַראָפּגעהאָנגען איבערן וואַסער. אויף זיינע ברעמען, ווייסע צעשויבערטע ברעמען פון אַ צפון-מענטש, איז אַראָפּגעהאָנגען אַ פרענזעלע פון דעם וואָלענעם, ווייסן מיצל מיט גרינע פּאַסן. דער יונג האָט צעשטרייט געבאָמבלט מיט די פיס. די אָפּגעבליאַקעוועטע בלויע אויגן זענען אומזיניק אָנגעגאָסן געוואָרן מיטן ראָזן, פרימאָרגנדיקן האָניק. ער האָט שטיל אונטערגעזונגען אַ פּשוטע מילדע מעלאָדיע פון אַ דאָרפיש לידל אין צוויי טאַקטן. דאָס לידל איז געווען אַלט ווי די וועלט, ווי דער זומער, ווי אַ יונישער פרימאָרגן. דער יונג האָט זיך נישט געלייגט שלאָפן אין דערדאָזיקער נאַכט.

אַרום האַלבער נאַכט, אין דער גרינער טונקלקייט פון אַ זומער-נאַכט, האָט ער אויף יענער זייט בוכט, אין יעגלינעם יעגער-ביידל אָפּגעוואַרט די דינסט פון עלטסטן אינזשיניער פון דער פאַקטאָריע — אינגוואַר.

אינגוואַר איז געווען הויכוואוקסיק, ברייטבייניק, שיין געבויט. ביי אינגוואַרן איז דאָס מויל בלוטיק-רויט, און אין מויל זענען שמאָלע פּאַסן ציין פון אַ וואַלד-חיהלע. זי האָט געקענט הילכיק און קלינגענדיק זינגען, און פּונקט אַזוי הילכיק און קלינגענדיק לאַכן. פון דעמדאָזיקן געלעכטער פלעגט זיך ביים יונג פאַרהאַלטן דער אָטעם און ס'פלעגט אים נעמען קיצלען אונטער די קניען. צוויי חדשים איז ער אַרומגעקראָכן אַרום אינזשיניערס שטיבל, נישט געפונען קיין געלעגנהייט צוצוגיין, געמאַטערט זיך און געשוויצט פון פאַרלאַנג צו רעדן מיטן מיידל.

דער פרילינג האָט אים געהאָלפן. ווען די מאַי־זון האָט
דורכגעוואָרעמט די ערד און פון אונטער די דורכזיכטיק ברוינ-
נעוואָרענע שיכטן שניי איז אַרויסגעקראָכן דער געדיכטער געלער
מאָך, וואָס האָט געשורשעט אונטער די פיס, האָט ער, בלאָנדזשענ-
דיק אַרום דעם אינזשיניערס הויז, אויף אַ שמאָל שטעגעלע,
פלוצלינג אָנגעשטויסן זיך אויף אינגוואַרן. דער נאָך אייזיקער, אָבער
מיט פייכטע ריחות שוין פולער מאַיקער ווינט האָט געפאָכעט מיט
זיין פאַרביק טיכל.

דער יונג איז שטיין געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט אינמיטן
שטעגל. זיינע דלאָניעס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בליי און האָבן
אָנגעהויבן צו הודיען פון בלוט־צופלוס. אַזוי איז ער געשטאַנען,
נישט אַראָפּנעמענדיק זיין בליק, דעם פוסטן און צעשראָקענעם,
פון דער אָנקומענדיקער אינגוואַר.

זי איז צוגעקומען האַרט צו אים, האָט געעפנט איר
בלענדנדיק מויל און זיך צעלאַכט:

— אַראָפּ פון וועג — און האָט לייכט אַ שטויס געטון דעם
יונג אונטער דער ריפּ. ער איז אָפּגעפלויגן אין אַ זייט, פלאָנ-
טערנדיק זיך מיט די שטיוול אין מאָך און האָט נאָך אַלץ צו
פאַרגליווערט געקוקט, ווי זי גייט פאַרביי. אַוועקגייענדיק, האָט זי
זיך אומגעדרייט און אַ געשריי געטון:

— ווי הייסטו, צוטשעפּעניש?

— נילס... — האָט ער געשטאַמלט מיט אַ שטים, וואָס
האָט זיך געקלעבט אין מויל.

— נילס? כ'האָב טאַקע אַזוי געמיינט. דו ביסט דער
גרעסטער שוטה אויפן גאַנצן ברעג. קום אַהער, פאַרזעעניש, און
גלאָץ נישט מיט די קוקערס.

ער איז צוגעגאַנגען, און וואָס מער ער האָט זיך דערנענ-
טערט, אַלץ הילכיקער האָט זי געלאַכט. ער האָט געקוקט אויף
איר, אויף די קרעפטיקע פיס, אָפּגעדעקטע דורך דעם פלאַטערנ-
דיקן קליידל, אויף דער זאַפטיקער ברוסט, וואָס האָט געוויגט די
בלוזע, ווי אַ כוואַליע אין איינגוס וויגט די שאָטנס פון וואָלקנס,
און האָט געשוויגן. זי האָט גענומען די הענט אין די באַקעס

— נו, וואָס־זשע דאַרפסטו? וואָס האָסטו דעם גאַנצן מאָך אַרום הויז אויסגעטרעטן? וואָס האָסטו אָנגעשטעלט אויף מיר דיינע וואַסערדיקע גלאָצערס? אַ?

דער יונג האָט געשמיצט פון קאָפּ ביז די פיס.

— ביסט מיר צום האַרצן, אינגוואַר — האָט ער אַ כריפּע געטון, האָפנדיק, אַז דער ווינט וועט אַוועקטראָגן זיינע העזהדיקע ווערטער.

אָבער זי האָט זיך פאַררויטלט און זיך צעלאַכט:

— צום האַרצן? — שעפּס איינער, ווישׁ אָפּ דאָס שפּייעכץ!

אַ קליינע האַרטע האַנט האָט אים אַ שמיר געטון איבער די ליפּן. ער האָט זיך פאַרזשמורעט אַזוי ווי פון אַ ברי, און ווען ער האָט זיך דערוועגט אַ קוק צו טון, — איז אינגוואַר, לאַכנדיק, שוין געלאָפן צום הויז.

אויפן צווייטן זונטיק האָבן זיי געטאַנצט אויפן פּלאַץ און זענען געגאַנגען געאָרעמט. נאָך אין אַ וואָך אַרום איז אינגוואַר צום ערשטן מאָל געקומען אין יעגער־ביידל. איצט האָט זיך שוין דער יונג מער נישט געשראָקן פאַר איר. ער האָט זיך צוגעוויינט צו איר שרייאיק־רויט מויל און שוין מער נישט געציטערט פון אינגוואַרס געלעכטער. ער איז געוואָרן באַלעבאָס אין דעם שפּיל און די ראָלן האָבן זיך געביטן. אין דערדאָזיקער נאַכט האָט ער זיך פולקאָם אָנגעזעטיקט מיט די לאַכעדיקע ליפּן און מיט דער הויכער, הייסער מיידלישער ברוסט, וואָס האָט זיך געפּליעסקעט אָן זיין ברוסט ווי דער ים־צופלוס.

אַ שיכורער און מידער האָט ער צוגעפירט אינגוואַרן צום שטעגל. זעגענענדיק זיך, האָט ער, מעשה באַלעבאָס, פויל זי אַרומגענומען. אַהיים גיין האָט זיך נישט געוואָלט. צו לאַקנדיק האָט גערוישט דער ים, צו לאַנגזאַם און מאַט זענען געשוואומען צום מזרח צו קיילעכדיקע פוילע יונישע וואָלקנס, צו אויפרייצנדיק האָט געקווישעט דער שרייאיקער מעווס־אָרקעסטער.

ער האָט זיך פאַרקירעוועט צו דער בוכט און איז אַרויפגעקראָכן אויף די בוילן פון האַפן־צופאַר, כדי צו באַטראַכטן פון די נאָענט נאַכאַמאָל — סתם אַזוי זיך, אָן אַ ציל, פון דער לי־

בעס איבערזעטיקטקייט און ליידיקגייעריי, — דעם גרויסן ברויען פויגל, וואָס איז גערוישלאָז געשלאָפן אויף די לייכטע כוואַליעס פון דער בוכט.

דער פויגל איז געקומען פון דרום קיין דזשערזי-באַי מיט דריי טעג צוריק, און שוין די דריטע נאַכט האָט ער זיך אומבאַוועגלעך געוויגט אויפן וואַסער. א שלאַנקער,ברייטפליגלדיקער, א צעלייגטער איבערן וואַסער האָט ער די גאַנצע צייט צוגעצויגן נילס אויפמערקזאַמקייט.

פון די שמועסן אין דער פאַקטאָריע האָט ער געוואוסט, אַז דער פויגל דאַרף איינגיכן אָפּפליען צום צפון, אָבער די שעה פון זיין אָפּפליען איז קיינעם נישט געווען באַוואוסט.

זיין גרויער קערפּער האָט זיך מיט די דינע לאַפּעס פון מעטאַלענע רערן אָנגעשפּאַרט אויף צוויי ברייטע שווים-העלצער, און די שווים-העלצער זענען נילסן פאָרגעקומען ווי באַקאַנטע, אַלטע פריינט. דאָס איז, משמעות, געווען צוליב דעם, וואָס די שווים-העלצער זענען געווען ענלעך צו נילס' וואָלן מיצל — גרין מיט ווייסע פּאַסן.

ווען נילס איז אַראָפּגעקראָכן אויף די בוילן פון האַפן און האָט א קוק געטון אויף דעם פויגל, האָט ער צום ערשטן מאָל אין פאַרלויף פון די דריי טעג באַמערקט אין אים סימנים פון לעבן.

דאָס אייבערשטע טירל אין שמאָלן גרויען קערפּער פון פויגל איז געווען אָפן, און ביי די צוויי ברייטע צלמים, וואָס זענען געהאָנגען איבער די פליגלען, האָט געמייסטרעוועט א מענטש אין א בלויען אַרבעטס-קאָמבינע. נילס' ים-אויגן, וואָס האָבן נישט פאַרלוירן זייער שאַרפזעעוודיקייט פון דער שלאָפלאָזער נאַכט, האָבן חיהש-קלאָר געזען אין די הענט פון מענטש אין בלויען קאָמבינע די גלאַנצנדיקע פונקען פון געצייג. נילס האָט געקוקט און געוואַרט, אַז דער פויגל וועט אָנהייבן הילכיק און נעדיכט צו קוואַקען, אַזוי ווי אין טאָג פון זיין אָנקום, און ביידע קרייצן וועלן זיך צוזאַמענגיסן אין האַסטיקע, רוישנדיקע קרייזן.

אָבער דער מענטש אין בלויען האָט, ווייזט אויס, נישט גע-

האָט קיין חשק צוצושטעלן אומזיסטע פּאַרוויילונג דעם לײדיק־גייער פֿון ברעג. ער איז איינגיכן פאַרשוואונדן געוואָרן אין קאָרפּוס פון פויגל און האָט זיך מער נישט באַוויזן. דער פויגל האָט געשוויגן, וויגנדיק זיך. די שוים־העלצער האָבן לײכט זיך געטוקט, באַהאַלטן זיך אין אַ כוואַליע און אַרויסגעשפּרונגען פֿון איר גלאַנציקע פונם וואַסער, וואָס האָט זיך אויף אַ ווײַלע צוגעקלעבט צו זיי. נילס האָט געגעצנדיק געקוקט אויפן פויגל, אָבער אַוועקגיין האָט זיך אים נישט געוואָלט. עפּעס אַן אינערלעכע קראַפט האָט אים צוגעשמידט צו די פייכטע און גליטשיקע קלעצער, אויף וועלכע ס'איז געווען אומבאַקוועם און קאַלט צו זיצן.

ער האָט זיך אָפּגעקערט פון פויגל און פויל באַטראַכט די ברייטקייט פון ים־איינגוס. פון זיין לעפצונג, רייסנדיק די וואָקלדיקע שטיקער נעפּל, איז געקראָכן אַ מאַטאָר־שיפל. אויפן שוואַרצן באָרט האָט זיך געווייסט אַ דראַבנע אויפשריפט, און נילס האָט אָנגעשטרענגט די ראיה, כדי זיך פונאַנדערצוקלויבן אין איר. אָבער דאָס שיפל איז נאָך געווען ווייט און אַרומגעוויקלט מיט נעפּל. דאָס שיפל איז געווען אַ פרעמדס, נישט פון דשוערריבאַי. ס'האָט צופעליק פאַרבלאָנדזשעט נאָך זיס וואַסער אָדער קאָנסערוון. דאָס איז געווען קלאָר — אַלע אייגענע שיפלעך האָט ער געקענט, ווי די אייגענע פינגער, און צוליב זיי וואָלט ער זיך נישט באַדאַרפט באַמיען צו לייענען דעם נאָמען. זיי האָט מען געקאָנט דערקענען לויטן קאָרפּוס, לויט די מאַסטן און לויט אַנדערע סימנים.

זיך אָנבייגנדיק אויף פאָרויס און צושטעלנדיק די האַנט צו די אויגן, האָט נילס דערקענט אויף דער אונטערשטער טייל פון שיף דריי ווערטיקאַלע פאַסן פון פאָן: בלוי, ווייס, רויט.

„אַ פראַנצויזישער קאַלאַש”, האָט ער מיט ביטול אַ טראַכט געטון.

פאַרנומען מיטן פעסטשטעלן די פערזענלעכקייט פון שיפל, האָט נילס נישט באַמערקט דאָס לײכטע סקריפּען פון די ברעטער הינטער זיך און האָט זיך אומגעדרייט, ווען ער האָט דערהערט רעדן.

איבערן האַפן־צופאַר זענען געגאַנגען מענטשן. צווישן זיי

האט ער דערקענט דעם דירעקטאר פון דער פאקטאריע, העלמסענען און דעם אינזשיניער — אינגווארס באלעבאס.

זיין ערשטער געדאנק איז געווען, אז דער אינזשיניער האט זיך דערוואוסט וועגן זיין ליבעס-שפיל מיט אינגוואר און האט פארמסרט דעם דירעקטאר, און אט גייען איצט דידאזיקע מענטשן, כדי אים צו דערלאנגען א גאב. ער איז צעשראקן אויפגעשפרונגען און זיך א גליטש געטון אויף די בוילן, אבער תיכף האט ער זיך בארויקט. די מענטשן האבן נישט געלייגט אויף אים קיין שום אכט, זיי האבן זיך דערנענטערט, שמועסנדיק מיט אפגעהאקטע זאצן.

ארומרינגלענדיק דעם דירעקטאר, זענען פארויס געגאנגען פיר מענטשן אין פוטערנע מלבושים און אין קיילעכדיקע לעדערנע היטלען, ענלעך צו שווים-העלצער פון א פישער-נעץ. איינער, נישט קיין הויכער, וואס איז געגאנגען מיטן אינזשיניער, האט געלאכט מיט א יונג קלינגענדיק געלעכטער און דאסדאזיקע געלעכטער האט עפעס דערמאנט נילסן אין אינגווארס.

ווען די מענטשן זענען צוגעקומען הארט צו נילסן, האט ער דערזעען, אז דער לאכעדיקער האט יינגליש-שטייפע, צארטע באקן, באדעקט מיט פוך, און קארע לאכעדיקע אויגן. ער איז געווען זייער יונג.

הינטער דער ערשטער גרופע זענען געגאנגען די נידעריקערע באאמטע פון דער פאקטאריע, צווישן זיי אויך דער מעכאניק-מאנטאר יאלמאר. די מענטשן זענען געגאנגען צום עק פון האפן-צופאר, צו יענעם ארט, וואו ס'האט געדרימלט אויפן וואסער דאס מאטאר-שיפל פון דער פאקטאריע „עלגא". יאלמאר איז אראפגעלאפן איבער די וואקלדיקע טרעפלעך און האט אראפגעווארפן פון מאטאר דעם ברעזענט.

איינער פון די מענטשן אין די פוטערנע מלבושים איז שטיין געבליבן לעבן נילסן און האט זיך אומגעדרייט צו אים אין פראפיל. אין דער גינגאלדענער שיין פון פרימארגן-ליכט האט זיך אויסגעפארמט א טונקעלער סילועט פון א גרויס און שווער פנים מיט א בולטער נאז, ארומגערעמט מיט טיפע קנייטשן לענגויס

דעם פנים, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויף דער גאָמבע. די שמאָלע בלוילעכע ליפּן האָבן צוזאַמענגעדריקט דעם מונדשטוק פון אַ פּייקע, און אַ קוק-טוענדיק אויף דער פּייקע, אויף די פעסטע פּנים-קאָנטורן, האָט זיך נילס דערמאָנט אין פּאָרטרעטן, וואָס ער האָט נישט איינמאָל געזען אין צייטונגען, און דערמאָנט זיך, אַז דערדאָזיקער מענטש, וועלכן מ'האָט ביי אים אין לאַנד און אומעטום גערופן ז י ג ע ר, האָט געדאַרפט פליען אויפן גרויסן גרויען פויגל צום צפון.

נילס איז אָפּגעטרעטן אויף אַ טריט און האָט שנעל אַראָפּ-געצויגן זיין מיצל. דער ווינט האָט אים אַ וואָרף געטון אויפן שטערן ווייסע פּאַסמעס האָר, ער האָט זיי אומגעדולדיק פאַר-קעמט מיט די פינף פינגער אויף אונטן.

ער האָט געוואוסט, אַז מ'דאַרף האָבן דרך-ארץ פאַר דעם-דאָזיקן אַלטן, הויכן מענטש, וועלכן עס דריקט די האַנט דער קייסער גופא. ער האָט זיך אונטערגעצויגן און האָט זיך גע-שטעלט אין פראָנט.

אָבער דער, וועמען מ'האָט גערופן ז י ג ע ר, האָט נישט געקוקט אויף אים. ער האָט זיך אומגעדרייט צום דירעקטאָר העלמסען. זיינע טרוקענע ליפּן האָבן געשאָפּן אַרום מונדשטוק אַ כיטרען אַרעאַל.

— אויסגעצייכנט, הער העלמסען, — האָט ער געזאָגט מיט אַ קוים טויבלעכער שטים, — אונזער שפּיצל איז געלונגען, נישטאָ קיין איין אינטערוויוער, קיין איין פאָטאָגראַף.

דער דירעקטאָר העלמסען האָט זיך שטיל און הכנעהדיק צעלאַכט.

אונטן האָט זיך צעסאָפּעט דער מאָטאָר, וועלכן יאַלמאַר האָט געלאָזט אין גאַנג. דער ז י ג ע ר האָט זשמורענדיק די אויגן אַ קוק געטון אויף דער זון. די אויגן-לעפּלעך האָבן צוגע-דעקט זיינע שוואַרצאַפּלען, אַזוי ווי אַ הייטל, און נילס האָט דערזען, אַז דידאָזיקע אויגן זענען ענלעך אויף אויגן פון אַ קלוגן און דרייסטן פויגל.

— דער טאָג וועט זיין אַ העלער, — האָט געזאָגט דער

ז י ג ע ר. און, זיך ווידער אומקערנדיק צום דירעקטאָר, האָט ער געזאָגט רויק, אַזוי ווי דערפילנדיק דעם פשוטן העפלעכקייטס־מנהג: — צום ווידערזען, הער העלמסען. מיר דאַנקען אייך פאַר גאַסטפריינטלעכקייט.

דער דירעקטאָר האָט זיך אָנגעבויגן, געכאַפּט די אויסגע־צויגענע האַנט. און אויף זיין אָנגעלאָפן פּנים, אַרומגערעמט מיט אַ בערדל, האָט נילס באַמערקט דערשראָקנקייט.

— צום ווידערזעען. ווען־זשע וועט איר זיך אומקערן?

דער זיגער האָט נישט תיכף געענטפערט. ער האָט אַ קוק געטון אויף דער לעפצונג פון ים־איינגוס, אויף די רעשטלעך נעפל.

— קיינער קאָן עס געווי נישט זאָגן. אינסטרוקציעס האָט איר. אויב צום דריטן מעת־לעת וועט איר אונז נישט זעען אין דער בוכט, גיט צו וויסן אין שטאַב פאַר לופט־קאָמוניקאַציע. אָבער כ'מיין, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום גרונט... ווען נישט דער נעפל...

ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויפן ים־איינגוס, און נילס האָט צום צווייטן מאָל דערזעען זיין שווערן און שאַרפן פּראָפיל.

די איבעריקע זענען שווייגנדיק געשטאַנען הינטער אים. ס'האָט צוגעכריפּעט דאָס אַסטמישע אָטעמען פון דירעקטאָר העלמ־סען. ענדלעך האָט זיך דער ז י ג ע ר אומגעקערט צו די, וואָס האָבן געוואַרט:

— שוין צייט, עריקסען! אין אַ שיפל אַריין!

דער ריז אין פוטערנעם קאָסטיום האָט צוגעלייגט די האַנט צום לעדערנעם העלם און איז זיכער אַראָפּ פון די טרעפלעך. נאָך אים זענען געגאַנגען די צוויי איבעריקע. דער ז י ג ע ר איז נאָך אַלץ געשטאַנען און האָט געדריקט די הענט, וואָס האָבן זיך געצויגן צו אים. נילס האָט זיך צוגערוקט נענטער, כדי גאָר־נישט נישט דורכצולאָזן.

מאַכנדיק אַ טריט צום טראַפּ, האָט דער ז י ג ע ר באַ־עט מיטן בליק נילס' אויגן. אין זייער אָפּגעבליאַקעוועטער טיפ־

קייט האָט ער דערזעען אַ כמעט קינדערישע אַנטציקונג. ער האָט אַ שמייכל געטון און, אָװעקשטעלנדיק די פּיס אויפן טרעפּל, אַװעקגעלייגט די הענט אויף נילס׳ אַקסל.

נילס איז געשטאַנען אויסגעצויגן, צודריקנדיק די הענט צו די היפטן זעלנעריש.

דער ז י ג ע ר האָט אַ קלאַפּ געטון דעם יונג איבערן אַקסל.

— זיי געזונט, חברהמאַן, — האָט ער געזאָגט לאַכנדיק, — נישט געדאַגהט. גריס דיין מיידל.

„פון װאַנען װייסט ער ז״ האָט מעכאַניש אַ טראַכט געטון נילס, זיך שטאַרק רויטלענדיק, אָבער איידער ער האָט באַװיזן צו עפענען דאָס מויל, איז שוין דער ז י ג ע ר געװען אין שיפל.

די נאָז פון שיפל האָט זיך אָפּגעקערט פון די בוילן, און נאָך זיין טעמפּ-אָפּגעמעקטער הינטערשטער טייל האָט זיך אַ לאָז געטון איבער דער גרינגלעכער טיפקייט אַ קאָכעדיקער שוימיקער שטראָם אין דער ריכטונג צו דעם גרויען פויגל, װאָס האָט זיך געװיגט אויף די כװאַליעס.

די מענטשן, װאָס זענען געזעסן אינם שיפל, זענען שנעל קלענער געװאָרן און פאַרשװאונדן.

אַזוי אַרום איז נילס װאַללאַן, דער קאַװאַלער און געליבטער פון דער לאַכנדיקער דינסט אינגװאַר, געװאָרן דער לעצטער, װעמעס אויגן ס׳האָבן אויפגעהיט דעם געזעגנונגס-בליק פון ז י ג ע ר.

2

דער גרויער פויגל, װאָס איז דריי נעכט נישט געשלאָפן אין דער װיסטער בוכט דזשערי-באַי, האָט אַריינגענומען אין זיין לענגלעכן קערפּער פינף מענטשן, כדי צו טראָגן זיי אויף די רוישנדיקע פליגלען איבער פיאָרדן, איבער צעשויבערטע פעלזן-שפּיצן, איבער דער טונקעלער װאָל פון סכאָך און איבער די

ציפעריקע, דורכזיכטיקע ברעזשענע בלעטער צום צפון, אין די ווייסע רויטען.

די פינף זענען געווען פארשידענע מענטשן. ביי יעדן איי־גענעם האט צום טאקט פון מעטאלענעם פויגל־הארץ געקלאפט אויף זיין שטייגער דאס לעבעדיקע מענטשלעכע הארץ, און אויף א באזונדערן שטייגער האבן געארבעט די גרויע געהיימנישפולע קעמערלעך פון מענטשלעכן מארך.

און אין די אדערן איז געפלאסן פארשידן בלוט.

דער, וואס איז געזעסן אין דער פאדערשטער, באגלאזטער קאבינע, ביי די סודותפולע פאר א געוויינלעכן מענטשלעכן בא־וואוסטזיין, ציפערבלאטן, טרייבלעך און דראטן, האלטנדיק אויפן ראנד פון רודער בלאסע, דינע, טרוקענע פינגער פון א נוי־ראסטעניק, — איז געווען א פראנצויז.

אונטערן נאמען לייטענאנט גיליאמע, איז ער געווען בא־קאנט אין פראנקרייך.

די פאטריאטישע פאריזשער בורזשואזן, די אויסגעצערטלטע דאמען פון דער העכערער געזעלשאפט און די בונטע פרויען פון די בולווארן אין קאפעען האבן געציטערט פון אנטציקונג, ווען זיי פלעגן אין די מלחמה־טעג פונאנדערוויקלען אין די בעטן די פרישע פלאכטעס פון די צייטונגען און לייענען וועגן דעם פינף און זיבעציקסטן באש, וואס איז אראפגעשליידערט געווארן דורכן לופט־קיניג, דעם לייטענאנט גיליאמע.

די פאריזער פירמעס זענען נתעשר געווארן א דאנק זיין נאמען.

„ליקער גיליאמע".

„ציגארעטן גיליאמע".

„זיידענע גארניטורן גיליאמע".

„דעסערט־שאקאלאד גיליאמע".

„פלאשטן גיליאמע".

„אידעאלע דאמען־קייקעלעך גיליאמע".

אלץ, וואס האט געטראגן דעם רומפולן, אומפארגלייכלעכן נאמען פון העלד גיליאמע, האט געהאט א זיכערן אפגאנג. די

דאַנקבאַרע פאַבריקאַנטן פלעגן שיקן דעם לייטענאַנט גיליאַמע אויפן פראָנט ריזיקע פעקלעך מוסטערן פון די פאַבריקאַנטן.

די פאַסקודנע ציגאַרעטן און די שלעכטע שאָקאָלאַד פלעגט גיליאַמע צעטיילן צווישן די מעכאַניקער און זעלנער פון אעראָדראָם, און דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט זיין פּאָפּוליאַריטעט אין דער אַרמיי און אין לאַנד. זיידענע דאַמען-קאָמבינאַציעס און אידעאַלע פאַרהיטונגס-קייקעלעך, פלעגט גיליאַמע צוליב חוצפה אַראָפּוואַרפן פון אויבן איבער די דייטשישע פּאָזיציעס, און די צייטונגען, פאַרגייענדיק זיך פון תענוג, האָבן גערימט די אומפאַרגלייכלעכע שאַרפזיניקייט פון גיליאַמע, וועלכער זאָרגט פאַר די דייטשישע דאַמען אַלס העפלעכער ריטער.

אָבער אין די נעכט פלעגט גיליאַמע צוזאַמען מיט אַנדערע, נישט ווייניקער באַרימטע פליער זיך צעשיכורן, און אינדערפרי, מיט אַ שווערן קאָפּ און פול לאַנגווייליקייט, פלעגט ער זיך אויפהייבן אין דער לופט, וואָס איז פאַרסמט געווען מיט טראָטילאָוון און פיראָקסילינאָוון עיפּוש, און פלעגט, ווי זיין שטייגער איז געווען, נאָכיאָגן דייטשישע פלי-אַפּאַראַטן.

ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע שאַרפזיניקייט און אַ חיהש געפיל פאַר דער מאַשין, אויסגעאַרבעט פון דער לאַנגיאָריקער דערפאַרונג. זיין איינפלאַציקן אויסראַטער האָט ער געקענט ווי זיך אַליין.

דערזעענדיק אַ דייטש, פלעגט ער זיך אָנכמורען, אָבדרוקן די הייבשטאַנגען, דער אויסראַטער פלעגט אויפציטערן, ווי אַ לעבעדיקער גייער און זיך אַ לאָז טון נאָכן שונא. ס'פלעגט זיך אָנהייבן אַ ווילד-געפערלעכע קאָושיאַלקע-מאַכעריי אין דער לופט.

ביידע אַפּאַראַטן, דער באַפאַלענער און דער אָנפאַלער, האָבן געטאַנצט אַ טייוולאָנישן לופט-טאַנץ, זיי האָבן זיך געהויבן, אַראָפּגעלאָזט, געוואָרפן זיך אין די זייטן, ביז גיליאַמע פלעגט מיט אַ בליץ-שנעלן מאַנעוור אַרונטערקריגן זיך אַ פופציק מעטער אונטערן שונא.

דאַן — פלעגט ער פאַרפעסטיקן דעם ריכטונגס-רודער,

דריקן בלויז מיט די פוס-הויבשטאַנגען אויף די הויך-רודערס און אויף די עלעקטראָנען, און נישט איילנדיק זיך אוועקלייגן די בלאַסע, דינע פינגער אויפן קאַרק פון קוילנוואַרפער. ער האָט אַנערקענט בלויז דעם רוסישן מאַקסים-קוילנוואַרפער, דאָס איז געווען זיין קאַפּריז, און פאַר אים פלעגט מען שטענדיק האַלטן אָנגעגרייט אין פאַרק אַ זאַפּאַס סטענגעס מיט אויפרייס-קוילן.

דאָס מאָגערע פנים מיט דער הויקערדיקער נאָז און מיט שווינדזוכט-פלעקן פלעגט זיך אָנבויגן צו דער שיס-עפענונג, די גרויסע פינגער פלעגן אַ קוועטש טאָן דאָס צינגל און אין הודיענדיקן ריטשען פון פּראָפּעללער פלעגט זיך אַריינרייסן דאָס הייזעריקע שטעפּן פון קוילנוואַרפער.

איבערן קעגנערס אַפּאַראַט פלעגט אויפפלאַקערן אַ ריז וואַלקנדל פון אויפגעריסענעם בענזין, ער פלעגט ווערן אַרומגענומען מיט אַ שוואַרצן ווידלדיקן רויך און וואַקלענדיק זיך, פלעגט ער טויכן אין אָפּגרונט, דורכטראַגנדיק זיך ווי אַ פייערדיקער קאַקאָן לעבן דעם פאַרשווינדנדיקן אויסראָטער.

דער לייטענאַנט גיליאַמע האָט נישט געהאַסט די דייטשן. ער האָט נישט געקרענקט אויף דער פּאַטריאָטישער היץ-קרענק. ער האָט געהאַלטן די מלחמה פאַר אַ שמוציקן הינט-געשלעג. און ער פלעגט אָפן רעדן וועגן דעם, אומעטום און שטענדיק. און דאָך פלעגט ער אַראָפּשיסן דייטשן אומעטום, וואו ס'איז נאָר מעגלעך געווען, און בלויז ביים נאָמען גיליאָמע, פלעגן ביי די בעסטע דייטשישע פליערס קאַלט ווערן די דלאָניעס, און דעם האַלדז פלעגט דריקן אַ נישט אָנגענעמע ספּאַזמע.

דער לייטענאַנט גיליאָמע האָט נישט געוואָלט טויטן זיינע קאָלעגן לויטן פאַך, וועלכע זענען געווען אויף יענער זייט פראָנט און האָבן געטראָגן דייטשישע פאַמיליעס. ביים נאָכיאָגן דייטשישע אַפּאַראַטן און ביים צעראָפּשליידערן זיי, פלעגט ער שטענדיק אויסמיידן צו טראַכטן וועגן דעם, אַז אין דעם אַראָפּגעשליידערטן און ברענענדיקן אַפּאַראַט ברענט אַ לעבעדיקער מענטש.

און בעת ער פלעגט אין פרייע מינוטן דורכקוקן די באַגאַווערטע צייטונגס-שמירערייען וועגן דעם „לופט באַיאַרד. וואָס

פלאַסטערט מיט הייליקער שנאה צו די באַרבאַרן־באָשן", פלעגט לייטענאַנט גיליאָמע פליקן די צייטונגען, שפייען און זידלען זיך מיט די ק.־ציקסטע זידלערייען.

ווייל בלויז ער איינער האָט געוואוסט די אמתע סיבה פון זיין אומדערמידלעכן געיעג נאָך די דייטשן, א סיבה, אין וועלכער ס'איז נישט געווען קיין סימן נישט פון פאַטריאָטיזם, נישט פון „הייליקער שנאה".

יאָ, דער לייטענאַנט גיליאָמע האָט געהאַסט... ער האָט געהאַסט דעם פראָנט מיט זיין בלוט, שמוץ, מיט זיינע אינזעקטן, מיטן עיפּוש פון עקסקרעמענטן און מתים, מיטן טומל און דער זינלאָזיקייט. דער לייטענאַנט גיליאָמע האָט ליב געהאַט נאָר פאַריזש און אין פאַריזש האָט ער ליב געהאַט נאָר מאַדלען דע־מאָנסאָ.

ער אַליין האָט אויפן באָרט פון זיין אויסראַטער אין א פרייער שעה אויסגעמאָלט דעם נאָמען „מאַדלען", מיט רויטע לאַקיר־פאַרב „גיליאָמע", וואָס איז צוגעשיקט געווען צוזאַמען מיטן פאַבריקאַנטס יראת־הכבודיקן בריוו, געשריבן אויף וויכן זייד־פאַפּיר, וועלכן דער לייטענאַנט האָט מיט פאַרגעניגן אויסגעניצט נאָך מיטאָג.

און דאָס צעשיידן זיך מיט מאַדלען און מיט פאַריזש איז געווען דאָס שווערסטע פאַרן לייטענאַנט.

אין דער אַרמיי האָט עקזיסטירט א נישט אָפיציעלער באַפעל, לויט וועלכן יעדער פליער, וואָס פלעגט אַראָפּשליידערן א דייטשישן אַפּאַראַט, פלעגט באַקומען א פיר־און־צוואַנציק־שעהיקן אורלויב קיין פאַריזש.

און דער לייטענאַנט גיליאָמע פלעגט טאָג־טעגלעך, איינשטעלנדיק זיין לעבן, פאַרדינען אורלויבן, וואַרפן זיך אין צוג, איילן קיין פאַריזש, אַרויסכאַפּן מאַדלען פון איר נעסטעלע אויף Rue Saint-Martin, אַרומשלעפּן זי ביז האַלבער נאַכט איבער די שענקען, און דעם רעשט פון דער נאַכט, ביזן פרימאָרגנדיקן צוג צום פראָנט, פלעגט ער איילן און האַסטיק צערטלען מאַד־

לען אין דער אומאָרדנונג פון די זיידנס און שפּיצן פון דעם ריי־זיקן מיטלאַלטערלעכן בעט.

צום סוף פון דער מלחמה האָט לייטענאַנט גיליאַמע פאַרלאָזט דאָס מיליטער און זיך מער נישט געשיידט מיט זיין געליבטער.

פאַר אַ פראַנצויז איז ער געווען זעלטן טריי, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען אָן אַ סוף קוויקן זיך מיט דערדאָזיקער ליבע.

מ'מוז זאָגן, אַז מאַדלען איז ווערט געווען טרייהייט.

אין אָנהייב פון דער מלחמה, בעת גיליאַמע איז נאָך געווען סערזשאַנט און געהאַלטן ביים פאַרענדיקן דאָס לערנען אין דער פליער־שול, האָט ער זי געפונען אין אַ קליינעם קאַפע לעבן ווערסאַל. זי איז דאָרט געווען אַ שטענדיקע באַזוכערן, כמעט אַן אָנגעשטעלטע.

זי האָט געהאַט איר פאַך. מיט אַ קליין שערעלע האָט זי שנעל און ריכטיק אויסגעשוירן די סילועטן פון די באַזוכער. אָבער פאַר אַ ספּעציעלן אָפּצאָל, פלעגט זי פונקט אַזוי שנעל און מיט עכטער קינסטלערישקייט אויסשערן פאַר ליבהאָבער רייצנד אומאָנשטענדיקע סצענקעס. דערביי האָט זי געהאַט אַן אויסזען פון אַ באַשיידן, גוט דערצויגן מיידעלע, וואָס האָט באַקומען איר בילדונג אין אַ קאַרמעליטישן קלויסטער.

נאָכן אויסשניידן פון שוואַרצן דיקן פּאַפּיר אַ ראַפינירט־עראָטישע גרופּע, פלעגט זי דערלאַנגען דעם קליענט, קוקנדיק אויף אים מיט העלע, ריינע אויגן, וועלכע האָבן ווי אָפּגעשפּיגלט די רואיקע בלויקייט פון פראָוואַנסער הימל. ס'האָט זיך געלויכטן אין זיי אַזאַ זיכערע צניעות, אַז קיין איינציקער פון די קליענטן האָט זיך נישט דערוועגט צו הכמהנען זיך איבער איר אַרבעט.

דער שילער פון דער פליער־שול גיליאַמע, איז געקומען אין קאַפע מיט אַ קאָמפּאַניע חברים, אויך אַזעלכע פריווילִיקע ווי ער. זיי האָבן שוין באַוויזן גענוג זיך אָנצולאָדן מיט אָפּעריטיוון און אַבסענט, ווען ס'איז אַריין מאַדלען און האָט זיך באַשיידן אַוועקגעזעצט אויף איר שטענדיקן אָרט ביים טישל אין ווינקל.

די חברים האָבן אָנגעוויזן גיליאַמען אויף מאַדלען און

דערקלערט איר פאַך. אַ פּאַראַנטערעסירטער, האָט ער זיך אויפ־געהויבן און עטוואָס וואַקלענדיק זיך, איז ער צוגעגאַנגען צום מיידל.

אַנידערוואַרפנדיק אויפן טיש אַ צען־פראַנק־פּאַפּירל, האָט ער געבעטן אויסשניידן די געשיכטע פון צעוס' ליבע צו אייראָפּע און האָט מיט אינטערעס נאָכגעפאָלגט די שנעלע באַוועגונגען פון די דורכזיכטיק־ראָזע פינגער, וואָס האָבן געאַרבעט מיטן שערל.

ווען דאָס מיידל האָט, קוקנדיק אים אין די אויגן מיט אַן אומשולדיקן בליק פון אַ מלאך, דערלאַנגט איר אַרבעט, אויסגע־פירט מיט עקספּרעסיע און אָפּענעם רעאַליזם, האָט גיליאַמע, פאַרשמורענדיק די אויגן, אַ קוק געטון אויפן סילועט, נאָכדעם אויף איר און פריילעך געזאָגט:

— אויף מיין וואָרט, פייגעלע, ס'איז אַ סך פריילעכער דורכצומאַכן דאָס אַלץ אין דער ווירקלעכקייט, איידער אויסשניידן אַזאַ פּראַכט פאַר נאַראָנימס ווען.

מאַדלען האָט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, רויק געפרעגט:

— מסיע איז זיכער אין דעם?

גיליאַמע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— פאַרשטייט זיך, קליינע'! וואַרף אַוועק דיין פּאַטשקערײ און איך וועל דאָס אַלץ אויספירן מיט דיר נישט דער ערך רעאַלער.

זי האָט אַ זיפץ געטון און געשוויגן עטלעכע סעקונדעס. זי האָט אריינגעלייגט דאָס שערל און דאָס פּאַפּיר אין אַ קליינטשיקער טעקע און אַ זיפץ טוענדיק געענטפערט:

— גוט, מסיע.

זיי האָבן פאַרבראַכט די נאַכט אין אַ הינטערשטאָטישן האָטעל, און אויף צומאָרגנס האָט מאַדלען, אַ האַלב צעמישטע, מיט בלויע שאָטנס אונטער די אויגן, זיך אַ ציי געטון, אַרומגענו־מען גיליאַמען, און טרוימעריש אַ שעפּטשע געטון:

— ביסט גערעכט, מיין טייערער! ס'איז נישט דער ערך אַנגענעמער ווי אויסצושניידן.

אין דעמזעלבן פרימאָרגן האָט זיך גיליאָמע דערוואוסט, אַז זי לעבט ביי אַן אַלטן, קאַרגן שטיף-פאָטער, וועלכער האָט איר שוין דערעסן ביז צום טויט. ער האָט זי אַריבערגעפירט אין אַ בוידעם-שטיבל, אין פון דאָרט, וואָס מער ס׳איז געוואַקסן זיין מיליטערישע באַרימטקייט, אין אַ פּרעכטיק קליין הויז. זיי האָבן אינדעראמתן ליב באַקומען איינער דעם אַנדערן, און דידאָזיקע ליבע איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן דורך דער צייט.

אָבער נאָך דער מלחמה, לעבנדיק אַלס גליקלעכער ליידיק-גייער, האָט גיליאָמע פּלוצלינג דערפילט אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט אין דעם געמיטלעכן נעסטעלע. ער האָט בשום אופן נישט געקענט פאָרויסזען, אַז יענער פארשיכורטער שפּיל מיטן טויט, וועלכן ער האָט געפירט אין משך פון דריי יאָר, קאָן ווערן אַזוי בייטיק אין טאָגטעגלעכן לעבן, אַז אויפכאַפּנדיק זיך אין די שלום-טעג אין ווייסן שלאָפצימער, לעבן מאַדלענס וואַרעמען פאָלקאָמען, שיינעם קערפּער, וועט ער בענקען נאָכן האַרמידער, נאָכן רויך און טומל פון אעאָדראָם.

ער פלעגט זיך אויפהייבן פון בעט, עפענען דאָס פענסטער אין גאָרטן און מיט דורשטיקע, ברענענדיקע אויגן קוקן אין רויקן, בלויען הימל, וועמעס מילדע שטילקייט ס׳פלעגט נישט גע-שטערט ווערן דורך אַ בינען-זשומעריי פון אַ פליענדיקן פיינטלעכן אפּאַראַט. און אויב צופעליק פלעגט אין אַזאַ פרימאָרגן פּלוצלינג דורכטראָגן זיך עפּעס אַ פּאָסט-אַעראָפּלאַן, פלעגט ער אים באַ-גלייטן, איינקלאַמערנדיק זיך מיט די פינגער אין ביישטידל, אַזוי ווי אין רודער פון זיין אויסראַנטער.

ער האָט פראָבירט אָנקומען אין דער געזעלשאַפט פאַר לופט-קאָמוניקאַציע. מ׳האָט אים אויפגענומען מיט אַ דרך-ארץ, כמעט אַ קריגערישן. גיליאָמעס נאָמען האָט נאָך פארמאָגט אַ גלאַנץ, אָבער נאָכן אומקערן זיך פון דער צווייטער רייזע, האָט ער צאָרנדיק אַ שליידער געטון אין ווינקל זיין לעדערנעם מאַנטל און אויף מאַדלענס זאָרגעוודיקער פראַגע, האָט ער זיך צערישטעט מיט געביילטע פויסטן.

— צו הונדערט טויזנט רוחות! אַן אומעט! כ׳בין אַ פליער

און נישט קיין דראָזשקאָזש. פירן דידאָזיקע געפּרעסטע נאַראָנים אין צילינדערס און זייערע פעטע צויגן און באַקומען דערפאַר געלט לויט דער טאַקסע ? צום טייוול !

ער איז אוועק פון דער געזעלשאַפט פאַר לופט-קאָמוניקאַציע, האָט זיך געקויפט אַן אייגענעם „דאַרניע-וואַל" און פלעגט זיך אַרומדרייען אויף אים אַ שעה אין טאָג, געפרעסן דורך לייַדיקגייערײַ און לאַנגווײַליקייט. ס'האָט אים געצויגן צו אַן עכטער, גרויסער אַרבעט פון אַ פליער, אַזאַ ווי ער האָט געהאַט אין די מלחמה-טעג, אַן אַרבעט, וואָס זאָל קיצלען די נערוון, געבן עמאָציע און ברענגען גרויסן רום.

אָבער די רואיקע וואָכעדיקייט פון דער פעט-געוואָרענער אייראָפּע האָט נישט פאַרמאָגט קיין אַרט פאַר ראָמאַנטיק.

דער נאָמען גיליאַמע האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרציען מיט אַ גרוי הײַטעלע פון פאַרגעסנקייט, און יענע צייט, ווען פראַנקרייכס פרויען פלעגן אָפּהיטן דעם כבוד פון זייערע מענער מיט די קייקעלעך-גיליאַמע, איז שוין געוואָרן געשיכטלעכע פאַרגאַנגענהייט.

גיליאַמע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ לופט-רייזע אַרום דער וועלט, אָבער דאָ, צום ערשטן מאָל פאַר זיין לאַנגיעריקער קאַריערע, איז אים געשען אַן אומגליק. דרייסיק קילאָמעטער פון פאַריזש האָט ער זיך געמוזט אַראָפּלאָזן און מ'האָט אים געבראַכט אַהיים מיט אַן אויסגעלענקטער האַנט און מיט אַ צעריסענער נאָז. נאָכדעם האָט ער אַ צאָרנדיקער פאַרקויפט דעם צעקנייטשטן דאַרניע-וואַל און געזאָגט צו מאַדלען, אַז ער וועט מער נישט פליען אין דערדאָזיקער טייוולאָנישער צייט, ווען מען קאָן נישט שעצן קיין אמתע פליערס און ווען די גאַנצע לופט איז פאַרפּאַסקודזשעט מיט אַנטענעס און ענלעכע פּאַסקודסטוועס.

ער האָט געפּלאַצט קרויט, אונטערגעשוירן קליאַנען און קופּאָנעס פון אָבליגאַציעס, ליב געהאַט מאַדלען און דאָך האָט ער זיך געלאַנגווײַליקט.

אָבער איינמאָל האָט אים דער פּאָטשטער געבראַכט אַ

גרויסן פאקעט, פארחתמעט מיט א רויטן שטעמפל, מיט א קע־ניגלעכן הערב פון א צפון־מלוכה.

אין אים האט ער געפונען אן איינלאדונג צו פליען ראטע־ווען אן עקספעדיציע־שיף „ראזא מארי", וואס איז געבליבן שטעקן אויפן 82 גראד פון דער צפון־ברייט.

די רייזע איז געווען ריזיקאליש, שווער, זי האט אבער צו־געזאגט פארלויפעניש און רום. אין דער שפיץ פון דער אונטער־נעמונג איז געשטאנען דער ז י ג ע ר, א מענטש, וועמעס רום ס'האט טונקל געמאכט אפילו דעם גלאנץ פון גיליאמעס נאמען.

גיליאמע האט געוויזן דעם בריוו מאדלען. מאדלען, וועלכע האט געזען זיין לאנגווײלן זיך, האט נישט נאר אים געבענטשט צום פליען, נאר אויך געוואלט פליען צוזאמען מיט אים. גיליא־מע האט מיט פארוואונדערונג א קוק געטון אויף איר, אוועקגע־ווארפן דעם בריוו און זיך געווארפן קושן זי מיט אזא ברען, אז זי האט זיך דערמאנט די אמאליקע נאכט אין דעם הינטערשטא־טישן האטעל, ווען זי האט זיך צום ערשטן מאל איבערצייגט, אז ליב האבן איז אנגענעמער ווי אויסשערן ליבע.

אין א וואך ארום זענען זיי ארויסגעפארן צום צפון. ביים באגעגענען זיך מיטן ז י ג ע ר, האט גיליאמע זיך איינגעקשנט ווי אן אקס און געמאלדן, אז ער פליט נאר מיט מאדלען, אדער ער פליט אינגאנצן נישט. דעם ז י ג ע ר ס אומווילן איז גע־בראכן געווארן דורך דער אייליקייט פון דער לופט־רייזע און ער האט זיך אונטערגעווארפן דעם קאפריז פון פליער.

דאס צארטע בחורל מיט די ראזע באקן, וועלכן נילס וואללאן האט געזען אין האפן, אין דעם זעלבן פוטערנעם קאסטיום, וועלכן עס האבן געטראגן אלע מענטשן, וואס זענען גע־קומען צו פליען אויפן גרויען פויגל, — איז געווען מאדלען דע־מאנסא, די טרייע חברטע פון פראנקרייכס געוועזענער בארימט־הייט און שטאלץ, פון לייטענאנט גיליאמע. זי איז געפלויגן צו־זאמען מיט אים אין א רייזע, וועלכע האט געזאלט ברענגען גיליאמע א צעשטרייאונג, עכטע ארבעט און א נייעם רום, און וועלכע איז געווען די בעסטע רפואה פאר אים קעגן דעם לאנג־

זאמען און הארץ-צעפרעסנדיקן-אומעט פון די פּאַקסטראָטענע וואָכנס-טעג און קעגן דעם געמאָסטענעם מעלה-גירה-זיין פון די דורכן זיג איינגעשלעפּערטע ראַנטיעס...

3

וואַלטער שטראַל איז געבוירן געוואָרן אין זאַקסן. אין זאַקסן, וואו אין פרילינג ווערן די עפּל-ביימער דורך איין נאַכט באַשאָטן מיט ראָזן שניי פון בליעכץ און וואו די מיידלעך זענען שיין, ווי ס'ווערט געזונגען אין אַן אַלט זאַקסיש לידל.

אָבער וואַלטער שטראַל האָט געלייגט ווייניק אַכט אויף דעם עפּל-בליעכץ און אויף די שיינע, דיקע און רויט-באַקיקע זאַקסישע מיידלעך. פון ניין יאָר אָן האָט וואַלטער שטראַל געהאָלפן דעם פאָטער אינם פורפור-רויטן טשאַד פון אַ דאָרפישער קוזשניע.

דער אַלטער שטראַל האָט געהאַט אַ גוטע, אַ באַלייבטע און פרוכטאַבע, ווי דער זאַקסישער באָדן, פרוי.

יעדעס יאָר פלעגט זי געבוירן צום רום און נוצן פון דער אויפבליענדער דייטשישער אימפּעריע. קיין אַרבעט אין דאָרף איז נישט געווען גאָר קיין סך, און מיילער איז אין דער משפחה געווען דרייצן און דעריבער איז דער אַלטער שטראַל געבויגן געוואָרן אַ ביסל פריער, ווי ס'וואָלט אים געקומט לויט די לעבנס-געזעצן.

און דעריבער טאַקע האָט מען וואַלטער שטראַלן צו פערצן יאָר אָוועקגעשיקט קיין דרעזדן, צום פעטער פריץ, וועלכער האָט געהאַט אין פאַרשטאָט אַ פיטשינקן וואַרשטאַט צו פאַרריכטן ראָווערן און מאָטאָציקלען.

די קינדער פון אַלטן שטראַל האָבן נישט פאַרמאָגט גאָרנישט, אויסער אַ קאָפּ און הענט, און זיי האָבן געמוזט קענען עפּעס אַ מלאכה, כדי צו רייזן אַרום דעם לעבן.

צו דייטשלאַנדס גרויסן באַדויערן האָט דער פעטער פריץ נישט געהאַט קיין קינדער, דער פעטער פריץ איז געווען אַ פאַרביסענער און נישט פּאַטריאָטישער אַלטער בחור.

כל זמן ער איז געווען יונג, פלעגט ער זיך נישט אָפּזאָגן
פון פריילעכע באַגעגענישן מיט קליינע בירגערינס און מיט פי-
פיקע קעלנערינס, אָבער מיט אַ פּעדאַנטישער פּאָרזיכטיקייט
פלעגט ער אויסמיידן צו באַשווערן די פשוטע ראָמאַנען מיט
קאָמפּליצירטע פאָלגן. ווען ער איז אַלט געוואָרן, האָט ער זיין
ליבע אַריבערגעטראָגן אויפן וואַרשטאַט.

ער האָט ליב געהאַט דאָס פאַך און ער איז געווען אַ
פאַעט פון רייפן, שרויפן, קאַנוסן, שפּריכעס, שאַיבעס, קאָלבעס
און נאָך און נאָך ווערליסאָפּעדישע און מאַטאַציקלישע סודות.

דעם פאַרטראַכטן און צעשטרייטן פלימעניק האָט ער האַרט
און ענערגיש צוגעצוואוינט אויך צו אַזאַ מין ליבע און צו אויפ-
מערקזאַמקייט. נאָך צוויי יאָר זיין ביים פעטער, זענען וואַלטערס
א.יערן היפש אויסגעוואַקסן פון כסדרדיקן ציען.

דאָס איז וואַלטערן נישט געפעלן געוואָרן און ווען ער איז
אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, איז ער אַוועק פון פעטערס קליינעם
וואַרשטאַט אין די ריזיקע קאָרפּוסן פון אַ פאַבריק פון אויטאָ-און
אַעראָ-מאָטאָרן, וואו צו אַרבעטן איז געווען אימהדיק און שווער,
אָבער וואו מ'האָט נישט געריסן פאַר די אויערן און וואו פאַר
באַכלעסיקייט האָט בלויז געדראָט אַ תּיכּפדיק אַרויספליען אויף
דער גאַס.

אָבער וואַלטער שטראַל איז נישט אַרויסגעפלויגן. אים,
דאָס אַ ביסל פוילע, פלעגמאַטישע און פאַרטראַכטע בחורל האָט
פאַרכאַפּט און באַהערשט דער מעכטיקער, האַרמאָנישער און פאַר-
באַפנדיקער ריטם פון דער פאַבריק, און ער איז געוואָרן איינס
פון אירע שווייגנדיקע, אויספירנדיקע און אונטערטעניקע רעדע-
לעך. און אַזוי ווי וואַלטער שטראַל האָט געהאַט אַ טרוימערישן,
אָבער קלאָרן און פאַרשטענדיקן קאָפּ, איז ער אין אַ יאָר אַרום
שוין געווען דער סיבמעכאַניק פון קאָנסטרוקטאָר-צעך.

אָבער איינצייטיק מיט דער אַרבעט האָבן וואַלטערן באַ-
הערשט אויך סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אידעען. ער האָט אָנגעהויבן
צו לייענען ענגעלסן און בעבעלן און אין די אָוונטן פלעגט ער
זיצן אינם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אַרבעטער-פאַריין, אין קנוילן

פייקע-רויך, דריקנדיק אין די הענט א קופעל ביר מיט דעם פליסנדיקן איבער די פינגער פרעכטיקן ביר-שוים, אזוי ווי עפעס א דראָענדיק געווער.

ער פלעגט גיין אויף מאַיאָווקעס זינגען צוזאמען מיט אנדערע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע לידער, רייצן אויף די גאסן די סלופּ-ענלעכע שוצמאנס, פלעגט אמאָל צרייצפּאָלן אין פּאָליציי-ביוראָ און דאָרט שטאָלץ „דערקלערן, אז ער איז א סאָציאַל-דעמאָקראַט.

דערדאָזיקער ציווילער מוט האָט זיך נישט אָפּגעשפּיגלט אויף זיין קאַריערע. די אימפּעריע האָט נישט פאַרפאָלגט שטרענג די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, דער קייזער גופא פלעגט, באוועגנדיק מיט די בארימטע וואָנסעס פאר די פאָטאָגראַפן, האלטן כמעט סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דרשות און דערקלערן זיך אין ליבע צום ארבעטער-קלאַס.

די מאָנאַרכיע און די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זענען פרידלעך געגאנגען האַנט ביי האַנט לכבוד דייטשלאַנדס רום, ווייל סיי די, סיי יענע האָבן ליב געהאַט דאָס פאָטערלאַנד.

ס'זענען אפילו געווען מאָדנע מענטשן, וואָס האָבן זיך באמיט צו דערווייזן די אוממעגלעכקייט פון אזא מין פריינטשאַפט. צווישן זיי איז געווען דער זון פון אלטן פירער ווילהעלם ליבקנעכט — קאַרל. די אימפּעריע האָט זיך געבייזערט אויף קאַרלען און פלעגט אים פעריאָדיש זעצן הינטער דער קראַטע.

וואַלטער שטראַל האָט אזוי ווי אנדערע פאַריינס-מיטגלידער ליב געהאַט דעם היציקן און שאַרף-צינגיקן קאַרלכען, אָבער ער האָט אים געהאַלטן פאר א נישט-אויסהיילבארן פאַנטאַזיאָר, און כאָטש ער איז געווען א סך יינגער פאר קאַרלען, האָט ער זיך באַציגן צו זיינע ארויסטרעטונגען, ווי צו היציקע יינגלשע שטיק.

וואַלטער שטראַל איז שוין אלט געווען צוואַנציק יאָר. ער איז געווען א סובמעכאַניק, דער הער דירעקטאָר און די אינזשענירן האָבן געהאַלטן פון אים, ער האָט באַקומען אן אָנשטענדיקן געהאַלט, געהאָלפן א ביסל דעם אלטן שטראַל און אָפּגעלייגט דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט אויף א ביכל.

טיילמאָל פלעגט ער גאָרנישט האָבן קעגן פאַרברענגען מיט אַ חברה יונגוואַרג און אַרומגיין מיט זאַקסישע מיידלעך. וועלכע ער האָט איצט אָנגעהויבן צו באַמערקן. די מיידלעך האָבן זיך נאַצויגן צו אים גינסטיק. ער האָט געהאַט אַזוינע אָנגענעמע זייויקע לייַן-האָר און גרויסע גרויע אויגן.

דעריבער פלעגט וואַלטער שטראָל נישט זעלטן קריגן זיך מיט דער באַלעבאָסטע פון דער דירה, פרוי שערוואַוד, ווען ביי אים פלעגן נעכטיקן מיידלעך מיט אַ פייכט און גוט מויל און מיט ברייטע, גאַסטפריינטלעכע היפטן. ער האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, אַז ס'איז צייט זיך שאַפן אַן אמתע באַלעבאָסטע און אַן אייגן געמיטלעך ווינקל, ווייל די מיידלעך, ווי פריינטלעך, אָנגענעם און נישט פאָדערנדיק זיי זאָלן נישט זיין, האָבן דאָך געפאָדערט הוצאות, אין דער צייט וואָס אַ גוטע, ערלעכע פרוי האָט געדאַרפט ברענגען אין שטוב ריוח.

ער האָט אָבער נישט באַוויזן אויסזוכן זיך אַ ווייב. ס'איז אָנגעקומען דער טאָג און די צייטונגען האָבן מיט אַ משוגענעם וואָיען זיך צעליאַרמט וועגן דער מלחמה.

ער האָט זיך מיט פאַרביטערונג אָפּגעזעגנט מיט ליזכען און איז אַוועק אויפן פראָנט. נאָך אַנדערהאַלבן לאַנגע יאָר האָט ער דאָרט פאַרשטאַנען, אַז קאַרלושאַ ליבקנעכט איז גאָרנישט געווען אַזאַ פאַרפאַלענער און גרונטלאָזער פאַנטאַזיאָר. וואַלטער שטראָל האָט זיך אַלץ מער און מער גענייגט צו דער לינקער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און צום דעפעטיזם.

דעריבער האָט ער געפילט כמעט אַ פאַרגעניגן, ווען בעת איינער פון די אויסשפיר-לופט-רייזעס, ווען דער פליער-ריטמייסטער פאָן גראָודענץ האָט אים אַרויפגענומען, כדי צו רעגולירן דעם שטיפנדיקן מאָטאָר, האָט אַ רוסישע קויל דורכגעריסן די דראָטן פון די הויכקייט-רודערס און דער „פאָקער" איז געצוואונגען געווען אַראָפּצולאָזן זיך אויף אַ רוסיש בערגל ביי אַ בלאָטע.

דער זון פון די טויטאָנישע ריטערס פאָן גראָודענץ איז אַרויסגעשפרונגען פון אַפּאַראַט און געפּנט אַ שיסעריי אויף די רוסישע זעלנער כל זמן ס'האָבן געקלעקט קוילן אין מאַוזער,

און נאָכדעם האָבן די זעלנער לאַנג און מיט אַ כריפּען געשלאָגן אים מיט די קאָלבעס אין פּלייצע פּאַר אַזאַ העלדישקייט, ביז אַ רוסישער אָפיציר האָט אים געראַטעוועט.

וואַלטער שטראַלן אָבער, נעמענדיק אין אַכט זיין אונטער־טעניקייט און די העפלעכע באַגריסונג, האָט מען גענומען אין געפאַנגענשאַפט אַן אינצידענט און אַוועקגעשיקט אין אַ ווייטן אוראַלישן לאַגער.

ווען די דראָט־פאַרצוימונגען פון לאַגער זענען דורכגעשניטן געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע, איז וואַלטער שטראַל געוואָרן פאָרזיצער פון סאָלדאַטן־ראַטן און די דייטשישע קריגס־געפאַנגע־נע, און נאָכדעם איז ער אָנגעקומען אין דער רויטער אַרמיי אַלס עלטערער מעכאַניק פון אַוויאָ־רעמאָנט־צוג.

אָבער די רוסישע רעוואָלוציע איז געווען נישט דעליקאַט, אַכזריותדיק, שמוציק, ס'זענען איבער איר אַרומגעקראָכן אינזעקטן און וואַלטער שטראַלס סאָציאַל־דעמאָקראַטישע נשמה, נישט גע־קוקט אויף די סימפּאַטיעס צו די אידעען פון די רוסן, האָט זיך געקאָרטשעט פון עקל און האָט אָפּגעשפּעט.

קאָמיסאַר פון צוג איז געווען אַ דניעפּרישער שלאָסער טולופּאָוו. טולופּאָוו פלעגט ליב האָבן אין די אָוונטן אריינצוקומען אין שטראַלס וואַגאָן, וואו ס'האָט געאַרבעט אַ דיזעל־מאָטאָר, וועלכער האָט געגעבן דעם צוג קראַפט, און וואו ס'איז דערפאַר שטענדיק געווען וואַרעם, — כדי צו אַמפּערן זיך מיטן דייטש.

אָבער די אַמפּערייען פלעגן קיינמאָל נישט געלינגען. טולו־פּאָוו האָט ליב געהאַט ברייט און אָן אַ טאָלק, אויפן רוסישן שטייגער, דערוועקן פראַגן פון וועלט־יושר און עפענען די נשמה; וואַלטער שטראַל איז געווען פּינקטלעך, ווי דער ריטם פון מאָ־טאָר, אוטיליטאַר, שמאָל און האָט זיך באַגרענעצט מיט קורצינ־קע איראָנישע זאַצן, וועלכע פלעגן ענדלעך דערפירן טולופּאָוון ביז ווילדקייט.

ער פלעגט שפּייען, אַרויסשפּרינגען פון וואַגאָן, און זיד־לענדיק זיך, פלעגט ער דראָען, אַז ער וועט ממיתן די דייטשישע קאָנטרע.

דער גרעסטער צוזאַמענשטויס איז ביי זיי פאָרגעקומען איינמאָל אונטער אָרענבורג. דער צוג האָט לאַנגזאַם געטראָסקעט איבער דעם מיט בוראַן פאַרשאָטענעם סטעפּ. טולופּאָוו איז געזעסן ביי שטראָלן און אויפגעוויזן, אַז די רוסישע רעוואָלוציע צעשטערט נישט בלויז, נאָר זי בויט אויך. וואָלטער שטראָל האָט העפלעך, מיט אַ קוים מערקבאַר שמייכעלע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער צוג איז געבליבן שטיין לעבן וואָקזאַל, ביים סעמאַפאָר. טולופּאָוו האָט געעפנט די טיר און איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד. די באַן־ליניעס אַרום דעם צוג זענען געווען געל, פאַרשמוצט, באַוואָרפן מיט שפּייז־אָפּפאַל און פאַרפוילט היי. צווישן די באַן־ליניעס האָבן זיך געהויבן ריזיקע קופּעס פאַרפרוירענע עקסקרעמענטן.

טולופּאָוו האָט דערפילט אויף זיין אַקסל אַ האַנט. ער האָט זיך אומגעקערט. הינטער אים איז געשטאַנען וואָלטער שטראָל, אַ פּינקטלעכער, העפלעכער, מיט אַ פּייקע צווישן די ציין. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט אין דער ריכטונג צו די פאַרפרוירענע קופּעס און רויק געפרעגט אויף אַ געבראָכענער שפּראַך:

— איר? וואָס דאָס אַזוינס איז?

טולופּאָוו, פּלוצלינג דערפילנדיק עפּעס אַן אומאַנגענעמע פאַרלוירנקייט, איז רויט געוואָרן און האָט שאַרף געענטפערט:

— זעסט דאָך אַליין. אַ קופּע ד...

וואָלטער שטראָל האָט אַן אַ שמייכל אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין און געזאָגט מיט אַ סטאָאישער רויקייט:

— ניין... דאָס איז אַן אַנשוילעכע אויסשטעלונג... וויסטאַוואָק... רוסישן געבויען. אָ, יאַ!... עס איסט שיין!

טולופּאָוו איז בלאַס געוואָרן. זיינע פינגער האָבן אַ ריס געטון דאָס דעקל פון רעוואָלווער־טאַש. וואָלטער שטראָל האָט דערזעען אין קאָמיסאַרס אויגן דאָס געפערלעכע רוסישע משוגעת און זיך באַהאַלטן אין וואַגאָן, פאַרקלאַפּנדיק די טיר אויפן ריגל. טולופּאָוו האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און בלינד פון

בעס האָט ער זיבן מאָל אויסגעשאָסן אין רויטן באַשלאָג פון דער „טיעפּלושקע".

נאָכן זיבעטן שאָס האָט זיך פון וואַגאָן טויבלעך אָפּגעקלונגען שטראַלס רויקע שטים:

— זיבן קוילן אומזיסט אויפן סופיט. איך האָב געלייגט מיך אויף דער פּאָדלאָגע.

טולופּאָוו האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, האָט זיך היסטעריש צעלאַכט און איז אַוועקגעלאָפן לענגויס פון צוג באַרויקן די צערודערטע וואַך.

אינגיכן נאָך דעם, האָט וואַלטער שטראַל דאָך פאַרלאָזט דעם צוג און איז אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. ער האָט לויט דער ריי נאָך אַנטוישט זיך אין פּאַטריאָטיזם, סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און קאָמוניזם. ער האָט געשטרעבט וואָס גיכער צוריקצוקומען אין זיין היים-שטאָט דרעזדען.

דאָרט, אַן אַנטוישטער אין אַלץ, איז ער אַוועק צום פריערדיקן הער דירעקטאָר בעטן מ'זאָל אים צונעמען אין פאַבריק. דער הער דירעקטאָר האָט גערן צוגענומען וואַלטער שטראַלן צו זיין פריערדיקער אַרבעט. אין משך פון פינף יאָר איז וואַלטער שטראַל געוואָרן עלטערער מעכאַניק-קאָנסטרוקטאָר.

ער איז געוואָרן פעסט, עטוואָס דיק, אָנגעצויגן און קנאַפּרעדעוודיק. ער האָט באַקומען אַ היפּשן געהאַלט, האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער אַרבעט, און אַזוי ווי דער פעטער פריץ עליו השלום, איז וואַלטער שטראַל געוואָרן אַ פאַרביסענער חתונה-קעגנער. ער האָט באַשלאָסן, אַז אין נאָכן מלחמהדיקן דייטשלאַנד איז די חתונה גאָרנישט אַזאַ נוצלעך און קלוג געשעפט, ווי אַמאָל.

ער האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעלאָזט אין מאָטאָרן.

און ווען די פירמע האָט געדאַרפט שיקן אַ מעכאַניק, אין דער ריזיקאַלישער און העלדישער צפון-לופט-רייזע, וועלכער זאָל קאָנען אָפּהיטן דעם כבוד פון אירע מעכטיקע מאָטאָרן, האָט זיך דער דירעקציעס אויסוואַל אָפּגעשטעלט אויף וואַלטער שטראַלן.

ער האָט אָנגענומען דער דירעקציעס פאָרשלאָג אָן וואַק-

לעגישן. אויף זיין פעסט פנים מיט די שטיינערנע קינבאַקן האָט זיך נישט אָפּגעשפּיגלט נישט קיין ספק, נישט קיין ענטוזיאַזם.

עס זענען אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען נישט דער ציל פון דער לופט-רייזע, אַ שיינער און מענטשלעכער ציל צו ראַטעווען אומקומענדיקע מענטשן, נישט די מיטרייזנדע, נישט די פאָלגן פון דערדאָזיקער רייזע.

ער האָט זיך נישט געשראָקן נישט פאַרן לעבן און נישט פאַרן טויט, ריכטיקער, ער האָט זיי נישט באַמערקט. דאָס גאַנצע לעבן איז פאַר אים באַשטאַנען אין אויסרעגולירן ווי צום גענויסטן די צוויי מאָטאָרן פון הידראָפּלאַן. ביים צוגרייטן דעם אַפּאַראַט צו דער רייזע, פלעגט ער עטלעכע מאָל אין מעת-לעת לאָזן אין גאַנג די מאָטאָרן, צוהערנדיק זיך צו זייער רעווען און ווידערקול, צודרינגלעך זוכנדיק מיטן ראַפינירטן געהער די קלענסטע אָפּווייבונגען אין זייער האַסטיקן האַרצקלאַפּעניש.

ער האָט געוואוסט, אַז פון דער אַרבעט פון דידאָזיקע צוויי שטאָלענע אָרגאַניזמען הענגט אָפּ דער כבוד פון דער פירמע, די אָפּזאָץ-פאַרברייטערונג פון איר פּראָדוקציע, די רעקלאַמע, דער וואוקס פון דער אונטערנעמונג, צוזאַמען מיט דעם אויך דאָס ווייטערדיקע אַמטלעכע שטייגן און די העכערונג פון געהאַלט. ער איז שוין אַריינגעטרעטן אין יענע יאָרן, ווען אַ מענטש הייבט אָן צו פאַרשטיין און אָפּצושאַצן קאָמפאָרט און וואוילשטאַנד.

און ער האָט געטראַכט בלויז וועגן דעם ווי אַזוי צו פאַרדינען דעם אָנגענעמען צוטרוי פון דער דירעקציע און ברענגען איר נוצן, וועלכע וועלן באַרירן אויך אים מיט זייער אָפּגעשפּיגלטער שיין. די מאָטאָרן האָבן געזאָלט אַרבעטן מיט דער גענויקייט פון דער זון-סיסטעם, ווייל דאָס איז נויטיק געווען דער פאַבריק אין דער אחריותדיקער וועלט פון קאָנקורענץ און קאַמף פאַרן פאַרכאַפּן דעם מאַרק.

וועגן די מענטשן, וועלכע זענען געפלויגן צוזאַמען מיט אים, האָט ער נישט געטראַכט. ער האָט אויך נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז פון דער פולקאָמענהייט פון די צוויי מעכאַניזמען הענגען

אַפּ, אויסער מאַטעריעלע נוצן, אויך דאָס לעבן פון די אַנטייל־גענומערס אין דער לופט־רייזע און זיין יונג לעבן.

ער איז קודם־כל געווען אַן ערלעכער און געטרייער אָנגע־שטעלטער. אויסער דעם האָט ער נישט געלאָזט אויף דער ערד קיינעם און גאָרנישט, וואָס מ׳זאָל קענען באַדויערן. ווען די פירמע וואָלט געוואָלט שיקן אים אין דעם צווישן־פּלאַנעטן־רוים, וואָלט ער געפלויגן, ווייל ער איז געווען אָנגעשטעלט און האָט געדאַרפט אויספירן די דינסט־פאַרשריפטן. אָבער דאָס, אַז ס׳האָבן זיך גע־פונען משוגעים, וואָס זענען פרייוויליק געקראָכן אין אַזאַ אונטער־נעמונג איז אים נישט אָנגעגאַנגען.

די צוויי לעצטע איינוואוינער פון דער מיט לעדער באַצוי־גענער גאָנדאָלע פון גרויסם פויגל, וואָס האָט זיך געחיגט אויף דעם רויק־אָפּאַלענעם וואַסער פון דער בוכטע דזשעררי־באַי, זע־נען געווען צפון־מענטשן.

דער פיזיקער און מעטעאָראָלאָג דאָקטאָר עריקסען און דער אַנדערער... דער אַנדערער, וואָס האָט פון קנאהדיקן, קליינ־לעכן און בייזן מענטשן־המון באַקומען מיט רעכט דעם צונאָמען ז י ג ע ר.

דאָקטאָר עריקסען איז געווען יונג, יינגער פון אַלע אַנ־טיילנעמער. יינגער אַפילו פון מאַדלען דע־מאַנסאַ, וועלכע איז אָפיציעל אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר און נישט אָפיציעל איין און דרייסיק. דעריבער האָט דאָקטאָר עריקסען, פילנדיק די גאַנצע אומאַנשטענדיקייט פון זיינע זעקס און צוואַנציק יאָר, זיך באַמיט צו האַלטן זיך אין דערדאָזיקער פיל־דערפאַרענער גע־זעלשאַפט באַשיידן און אומבאַמערקבאַר אויף וויפיל דאָס וואָס אים דערלויבט זיין ריזיקער וואוקס פון אַ יונגן וויקינג.

ער איז געווען דער איינציקע, וואָס האָט זיך נישט גע־קענט אויסגלייכן אין דער גאַנצער לענג אין דער ענגער קאַ־בינע פון הידראָפּלאַן. ביי יעדן פון אַזוינע פרוון פלעגט זיך זיין קאָפּ פילבאַר אָנשפאַרן אין האַרטן סופיט און ער פלעגט מיט פאַרלוירנקייט איינהויקערן די פלייצע.

דאָקטאָר עריקסען האָט געפילט אַ טיפן יראת־הכבוד צו

זיינע עלטערע רייזע-חברים און א ריטערלעכן אפשיי פאר מאדלען.

אויסגעוואקסן אין א שטרענג לאנד, אין די אלטע ווענט פון אוראלטן אוניווערזיטעט, איבערגעגעבן דער עקזאקטער ניכטערער ווּיסנשאפט, האט ער געבלאנדזשעט אין די פשוטסטע אמתן פון יענער ווירקלעכקייט, וואס איז געפלאסן פון אויסן פון לאבאראטאריעס און אודיטאריעס.

און דאס אנטיילנעמען אין דער לופט-רייזע מצד א קליינער, צארטער פרוי מיט געלבלעכע לאקן, א שמייכל פול מיט פארכישופדיקער שוואכקייט, האט זיך אים אויסגעוויזן פאר אן איבערמענטשלעכער העלדישקייט, פאר וועלכער מ'דארף קניִען מיט אן אנטבלויזטן קאפ.

ער איז געווען לחלוטין אומפעיק צו פארשטיין, אז מאדלען דע-מאנסא, ווי אויך איר געליבטער, האבן זיך געווארפן אין א געפערלעכער, ממש ריזיקאלישער אונטערנעמונג בלויז צוליב לאנגווייל און בענקשאפט, פאלגנדיק דעם אוראלטן רוף פון הייסן גאללישן בלוט, וואס האט אומרויק געשטראמט אין זייערע קערפערס, שטויסנדיק זיי צו אוואנטורעס, צום איינשטעלן, צו משוגעת, נאר בלויז צוליב דעם, אז דאסדאזיקע בלוט זאל זיך נישט פארוואנדלען אין שיטערן, דורך דער וואכעדיקייט באהערשטן, ראזלעכן וואסער, וואס פליסט אין די אדערן פון אייראפעישן קליינבירגער.

דעריבער, ווען אין די טעג פארן אפפלי, פלעגט זיך מאדלען ווענדן מיט וואספאר נישט איז צופעליקער פראזע צום דאקטאר, פלעגט ער יעדעס מאל רויטלען זיך, פארלירן די פעיקייט צו רעדן און ס'פלעגט אים ווערן אומעטיק און צארט גוט.

און מאדלען, וועלכע האט דאס באמערקט, איז געפעלן געווארן צו רעדן צו דעמדאזיקן קינד-ריז און ארויסצורופן ביי אים אנפאלן פון לירישן און אנטציקטן טרויער.

און אין דער קאבינע פון הידראפלאן האט זי זיך איינגעארדנט לעבן אים אויף דעם פאדערשטן פאטעל, כדי אויך אין משך פון פליען צו האבן אים פאר א שכן. איר איז אנגענעם גע-

וועו דידאָזיקע קינדערישע און ריינע פאַרגעטערונג פון איר זיני־דיקער ווייבלעכקייט.

דאָקטאָר עריקסען האָט געהאַלטן זיין אָנטייל נעמען אין דער עקספּעדיציע פאַר א גרויסן כבוד פאַר זיך און פאַר זיין וויסנשאַפט, וועלכע האָט געדינט פונקט אַזוי טריי און זעלבסט־פאַרגעסן, ווי דער באָרט־מעכאַניק וואַלטער שטראַל האָט געדינט דעם אָפּגאָט פון דער דייטשישער טעכנישער אינדוסטריע. אָבער אין דער צייט, וואָס שטראַל האָט אויך געדענקט וועגן זיך, וועגן די נוצן, וועלכע זיין דינען וועט אים ברענגען, האָט דאָקטאָר עריקסען געטראַכט בלויז וועגן נוצן פון דער פיזיק און מעטעראָ־לאָגיע.

די אַרקטיק, דאָס מרה־שחורהדיקע פּאָלאַר־געביט, דער וועלט־לאַגער פון די שטורעמס, זאַווערוכעס, ציקלאָנען, נידעריקן לופט־דרוק, שניי, פראָסט, מאַגניט־שטורעמס, געהיימנישפולע שטראַ־מען און קאַלטע וויכערס, דאָס שפּייז־צימער פון קאַטאַרן, בראָנ־כיטן, גריפּעס, — האָט זיך אויסגעוויזן דעם דאָקטאָר עריקסען ווי א פיינטלעכע פּאַרזעניש, ווי א שונא פון מענטשלעכן מין, וועלכן מ'דאַרף אַריינטרעפן מיטן אומברחמנותדיקן און רעטונגס־פולן וויסנשאַפט־שפּיז אין אַכילעס' פּיענטע, אין דעם אויף דער מאַפּע אָנגעצייכנטן, אויסגעטראַכטן פונקט.

דאָקטאָר עריקסען איז אויך געווען א ראָמאַנטיקער. אויפן גרויען לעדערנעם פּאָטעל פון הידראָפּלאַן האָט ער זיך געפילט ווי געאָרג, דער זיגער, וועלכער האָט באַזאָטלט דאָס באַפליגלטע פערד, כדי אַראָפּצורייסן דעם קאָפּ פון שלאַנג, וואָס איז פיינט־לעך דער וויסנשאַפט און דער מענטשהייט.

און מעגלעך, אַז דעריבער האָט ער באַזונדערס שאַרף גע־שפּירט דאָס פאַרגעניגן פון דעם, וואָס א יונגע שיינע און באַ־צויבערנדיקע פרוי איז געווען אַן עדות פון זיין וויסנשאַפטלעכער העלדנטאַט, — א פרוי, פון וועלכער ס'האָט געשמעקט מיט צאַר־טע און וואונדערלעכע ריחות, וואָס זענען נישט ענלעך געווען אויף די ריחות פון כעמישע רעאַקציון פון דער אוניווערזיטעט־לאַבאָראַטאָריע.

און דאָקטאָר עריקסען האָט געטרויסט, אַז בעת דער לופט-רייזע וועט ער האָבן די געלעגנהייט צו פאַרדינען אַ דאַנקבאַרן בליק פון זיין שכנה דורך עפּעס אַ ריטערלעכן העלדן-טאַט.

נאָר אַ דאַנקבאַרן בליק, נישט מער. ווען מער האָט דאָקטאָר עריקסען נישט געטראַכט, נישט געוואָלט טראַכטן. ער איז געווען אַ צפון-מענטש, אַ באַשיידענער און צניעותדיקער, אַלע פּרויען האָבן אים אויסגעזען צו זיין הימלישע וועזנס, צו וועלכע ס'איז שרעקלעך זיך צוצורירן.

אין אַ קליין שטעטל אויפן ברעג פון דרום-פיאָרד האָט ער געלאָזט פונקט אַזאַ, אַראָפּגעגנידערט פון די הימלישע הייכן, וועזן, מיט שווערע בלאָנדע צעפּ, און מיט בלויע, ווי אַ ליי-זונג פון מעטילען-בלויעכץ, אויגן.

דאָס הימלישע וועזן האָט געהייסן פרעקען אַננאַ דעמסון און איז געווען ביז די וואָרצלען פון די האָר פייערדיק און האָפ-נונגסלאָז פאַרליבט אין ריזיקן וואוקס און אין זאָרגלאָז-מילדן פּנים פון יונגן פּריסטער פון דער מעטערעאָלאָגיע.

האָפנונגסלאָז דערפאַר, ווייל דאָקטאָר עריקסען האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דידאָזיקע קינדער פון הימל, מיט לאַנ-גע צעפּ און זינגענדיקע שטימעס, זאָלן זיך קאָנען אָנשטעקן מיט אַזאַ זינדיקער און אומאָנשטענדיקער קראַנקהייט ווי מענטשלעכע תאווה, און אַז פון איין קליינער אָנדייטונג אויף איר, וועט אַזאַ ריינער מלאך ווי פרעקען אַננאַ צעגיין ווי אַ וואַקסענער כּרוב איבער דעם יאָלקע-ליכט און וועט אָן אַ שפור פאַרשווינדן אין דער בלויקייט.

און ווי פרעקען אַננאַ האָט נישט געפּראוווט פאַרזיכטיק און דעליקאַט מיט דער גאַנצער שטילער צודרינגלעכקייט, וואָס איז אייגן די צפון-פּרויען, געבן צו פאַרשטיין איר פאַרערער, אַז זי איז נישט קענען דערשפּירן דאָס גאָר מענטשלעכע גליק אין זיינע ריזיקע און שטאַרקע הענט, — האָט דאָס דאָקטאָר עריקסען נישט פאַרשטאַנען און געקוקט אויף איר מיט זאָרגלאָז-ליכטיקע, פאַרער-ניקע בליקן.

זיין גליק איז געווען פולקאָם און גאַנץ. ער האָט געקענט קוקן אויף זיין ליבע און דאָס איז געווען גענוג פאַר אים. צו זעקס און צוואַנציק יאָר איז דאָקטאָר עריקסען געווען אומשולדיק און די חלומות זיינע זענען געווען ריין, ווי ביי אַ צוויי-יעריק יינגעלע.

אָבער ביים אַריבערטרעטן די קאַבינע פון הידראָפּלאַן, האָט ער אין איין מאָמענט פאַרגעסן וועגן אַלע פרויען. לעבן זיין אָרט אויף דער וואַנט פון דער קאַבינע און אויפן דיל האָט געגלאַנצט מיט מעש אַ כאַאָס פון פיזישע און מעטעאָראָלאָגישע מכשירים און זיי האָבן פאַרשלונגען זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. גישט געשיקט באַוועגנדיק זיך מיטן אומגעלומפּערטן גוף אין ענגן קעמערל, האָט ער זיי דורכגעקליבן און דורכגעקוקט און זיינע פינגער האָבן געצערטלט דאָס מעש און גלאָז מיט צאַרטקייט פון אַ געליבטן. ער איז אַריינגעפאַלן אין זיין געוואוינטער וואונדער-שיינער-וועלט, וואָס פאַרכאַפּט מיט דער צוועקמעסיקייט פון ציפערן און פאָרמולעס.

דעם הינטערשטן ברייטן פּאָטעל און שמאָלווערנדיקן עק פון דער קאַבינע האָט פאַרנומען דער ז י ג ע ר. ער האָט אַראָפּ-גענומען זיי העלם פון אַן אוויאַטאָר און אויפן מאַט-גרויען פּאָן פון פּאָטעל-ווענטל האָבן באַזונדערס ריין און צאַרט-וויס אויסגע-זעען זיינע קורץ-געשוירענע גרויע האָר און באַזונדערס מאַסיוו און אויסדריקלעך שאַרפע און שווערע ליניעס פון זיין דענקער-קאָפּ.

די אומאויפהערלעכע יאָרן פון דענקען און די אומאויפהער-לעכע יאָרן פון קאַמף האָבן אויסגעקריצט אויף דעמדאָזיקן פּונ-קעלן, ווי פון אַלט האָלץ אויסגעמאָדעלירטן, פּנים דייטלעכע שטריכן פון אַנטשלאָסנקייט, שאַרפזיניקייט, פון ברייטער העל-זעעוודיקייט אויף די גלייכע שווערע וועגן.

אויפן זעקסטן צענדליק פון זיין לעבן איז ער ביי־געקומען אַלץ, וואָס איז געווען פּאָרויס באַשטימט און וואָס ס'האָט זיך אים געוואָלט בייקומען, און פון דעם האָט ער באַקומען נאָך אַן אויסדרוק — פון קוים-קוים לאַנגווייליקער זיכערקייט און רויקייט.

און אַ ביסל אַ רײַפֿע טיף־דרינגענדיקע איראָניע האָט זיך אָפּגעלייגט אין די קנייטשן פֿון די שמאָלע בלוילעכע ליפּן, אַזוי ווי דידאַקטישע ליפּן וואָלטן זיך צונויפֿגעלייגט, כּדי צו זאָגן:

— אָט איז אַלץ אָפּגעטון. ס'זענען דורכגעגאַנגען געוואָרן אַלע וועגן און דערגרייכט געוואָרן אַלע מעגלעכקייטן. און וואָס־זשע? די וועלט, וואָס האָט מער נישט קיין סודות, ווערט ענג און לאַנגווײַליק.

די משפּחה, אין וועלכער ס'איז געבוירן געוואָרן העכער אַ האַלב הונדערט יאָר צוריק דאָס גרוי־אויגיקע יינגל, האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז אים ווערט באַשערט זײַן אָראַפּצורייסן די רעשטלעך צודעקן פֿון די לעצטע וועלט־סודות.

אין דערדאָזיקער משפּחה פֿלעגן יאָרהונדערט־אײַין, יאָרהונדערט־אויס געבוירן ווערן, אויסוואַקסן און באַשיידן און טרײַ דינען דעם פֿאָטערלאַנד אין בענק, צאָל־אַמטן און געריכטן, פּשוטע און דויקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך פֿולקאָם באַפֿרידיקט מיט די צונויפֿגעדרוקטע שטיינערדיקע האָריזאָנטן פֿון די היימישע פֿיאָרדן און מיטן שטילן ערלעכן אָנדענק אין די הערצער פֿון די באַשיידענע מיטבירגער.

און דער, וועמען ס'איז באַשטימט געווען צו ווערן ז י ג ע ר, האָט אויפֿן ערשטן דריטל פֿון זײַן לעבן פֿלאַנמעסיק דורכגעמאַכט דעם וועג פֿון זײַנע אבות און זיך געגרייט צו ווערן אַן אומבאַמערקטער פּראָווינציעלער דאָקטאָר, כּדי ערלעך צו היילן די קאַטאַרן און מערידן בײַ די בוכאַלטערס און די קאַטאַרן פֿון קישקעס בײַ די שטאָטישע קרעמערקעס.

אָבער אין אַ געוויסן פֿרילינגס־טאָג האָט אים דער ים אַ רוף געטון. ער איז אַרויס פֿון אַנאַטאָמישן קאַבינעט, וואָס איז דורכגעזאַפּט געווען מיט מתים און פֿאָרמאַלין־ריחות און איז אַוועק אַן אָטעם־טון מיט פֿרישער לופֿט אויפֿן בולוואַר בײַם ים.

אונטער דער אָפּגעבליאַקעוועטער מאַי־זון האָט זיך געדרויכערט און גערוישט דער האַפֿן, ווי זילבערנע הערינג־שיפֿן איז געפּלאָסן דאָס וואַסער הינטער דער האַפֿן־דאַמבע, אַ פֿיר־מאַסט־בוימדיקע זעגל־שיף איז אָפּגעגאַנגען קיין אַרגענטינע, אויפֿן דעק

ױנען געלעגן װי בינטלעך אַספּאַראַגן אָפּגעשװירעװע סאָסנע-שטאַמען. פון דאָרט, פון בלישטשענדיקן װאַסער, איז געגאַנגען נום בערגל אַ שאַרפער, עקשנותדיקער, געזאַלצענער און אויפרעגנדיקער װינט.

אַן אָקעאַן-װינט. אַ האַסטיקער, נישט פאָלגעװדיקער, דורך קײנעם נישט געצוימטער װינט פון בלויע כװאַליעס, פון װײטע װאַנדערונגען, פון נישט אַנטדעקטע װײטקײטן.

ער האָט געקיצלט דעם סטודענט מיט װײכע און פײכטע פילערנער, ער האָט פאַרדרײט דעם קאָפּ, פאַרשיכורט, גערײצט, אַראָפּגעפירט פון זינען.

און פלוצלינג, אַ בלאַס געװאָרענער, אַרויסלאָזנדיק פון די הענט שפּאַלטענהאָלצס אַנאַטאָמישן אַטלאַס, האָט דער סטודענט אונטערגעשטעלט דעם װינט די ברוסט, קוקנדיק אין דער דורכזיכטיקער בלויקײט פון ים מיט אַנטציקט-צעעפנטע אויגן. אין אײן רגע האָט ער פאַרלוירן דעם צעשטרײטן, אָפּט-פינטלענדיקן בליק פון אַ שטאָטישן אײנװאױנער, װאָס איז מיד פון ביכערשריפט און קינסטלעכער באַלויכטונג.

אין דאָזיקן אויגנבליק האָט ער באַקומען אַ תמיד אָפענעם, גלײכן בליק, װאָס האָט נישט מורא פאַרן װינט, אַ בליק פון אַ ים-פויגל. און כאָטש זײנע אויגן האָבן געטרערט פון נישט געװאױנטקײט, האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן-לעפלעך און איז געשטאַנען אומבאַװעגלעך, דערשיטערט פון דער צופעליקער פאַר אים אַנטדעקטער זון פון דער װעלט.

נאָכדעם האָט ער זיך אַ װאַקל געטון, פאַרדעקט מיט די הענט דאָס אָפענע פּנים און איז אַװעקגעלאָפן צו דער שטאָט, צו די גאַסן, צו דעם געװאױנטן, באַקאַנטן, אַמאָליקן.

שפּאַלטענהאָלצס אַטלאַס איז געבליבן ליגן אויפן רײן צוגעקערטן זאַמד פון בולװאַר.

אין דרײ טעג אַרום האָט די שיף, װאָס איז אָפּגעגאַנגען קײן אויכטראַליע, געפירט אויפן באָרט אַלס מאַטראָז דעם געװעזענעם סטודענט פון קיניגלעכן מעדיצינישן פאַקולטעט, און פון

דעם טאָג אָן האָט אָנגעהויבן צו וואַנדערן איבער אַ וועג אַ דער-
נערדיקן און ביטערן, אָבער פאַרבלענדנדיקן, די בלאָנדזשענ-
דיקע קאָמעטע פון ז י ג ע ר.

דרייסיק יאָר האָבן אונטער די פיס געציטערט מיט אַ פאַר-
שיכּורדיקן ציטער פון וואַסער-שטראָם די ברעטער פון שיף-דעקן,
און פאַרביי די באָרטן האָבן זיך שוימענדיק געטראָגן די כוואַ-
ליעס פון אַלע ימען און אָקעאַנען.

די בלייענע בלויקייט פון אַ ט ל אַ נ ט י ק, דער גע-
דיכטער סאַפפיר פון ש ט י ל ן, די שלאַנגישע גרינקייט פון
א י נ ד י ש ן, די לילאַ געדיכטקייט פון מ י ט ל ל ע נ-
ד י ש ן ים, די טיפע שוואַרצקייט פון בערינגאָווער און די פאַר-
האַרטעוועטע צערונצלטקייט פון די פאָליאַרישע כ ו אַ ל י ע ס
האָבן געלאָזט דאָס זאַלץ פון זייערע שפּריצן אויף זיין פנים,
דורכזאַפנדיק און גאַרבנדיק די פאַרגרעבטע הויט.

די רו האָט אויפגעהערט פאַר אים צו עקזיסטירן. זיין רו
איז געווען שטענדיק באַוועגונג, און נאָר זעלטן אין שעהען פון
קרענק, אויף דעם שמאָלן, פליענדיקן שיף-בעטל, פלעגט זיך פאַר
די פאַרמאַכטע אויגן באַווייזן אַ באַרואיקנדיקע זעונג — אַ ווייס
הייזל אונטער אַ דאַך באַדעקט מיט דאַכעווקעס אויפן ברעג פון
אַ שפּיגלדיקער בוכט, איבער וועמעס זאַמדיקן דאַך עס לויפן אַרום
אין בלישטשענדיקע סטאַדעס גאָלדענע פישלעך.

אָבער די קרענק פלעגט פאַרבייגיין, ער פלעגט זיך שטעלן
אויף די פיס, אַרויסגיין אויפן שיף-דעק און דאָרט, הערנדיק די
האַסטיקע סימפאָניע פון ווינט און טאַקעלאַזש, פלעגט ער פאַר-
געסן וועגן דעמדאָזיקן פאַרביילויפנדיקן און אָפּשוואַכנדיקן חלום
און קוקן אין נייע מרחקים און בלויע מיראַזשן פון האָריזאָנטן.

אין אומאויפהערלעכער באַוועגונג האָט ער געשטרעבט צו
ווינקעלעך, וואָס זענען נישט באַפלעקט פון דער וועלט, דורך
מענטשלעכע בייגיריקייט, ער פלעגט פילן אַ מוטערלעכער צאַרט-
קייט צו יעדן, פון שוימיקן זוים אויפגעטויכטן, אונטערוואַסער-פעלז,
וואָס איז נישט אָנגעמערקט געווען אויף די גענויסטע ים-מאַפּעס
פון דער בריטישער אַדמיראַליטעט.

ער האָט פעסט געגלייבט, אַז די מענטשהייט מוז באַזיצן דעם גאַנצן ערד-קויל און זי דאַרף באַהערשן אַלע זיינע רעטענישן. אַנדערש האָט נישט דידאָזיקע מענטשהייט צוליב וואָס צו עקזיסטירן.

שוואַך און דעגענערירט, אויסנוצנדיק ביסלעכווייז די ס כ ו מ י ם פון נאַטירלעכע רייכטימער, וועלכע זי האָט געטרעטן מיט די פיס אויף די דורך איר פאַרנומענע טעריטאָריעס, איז די מענטשהייט פאַראורטיילט געוועזן צום אונטערגאַנג.

ס'איז נייטיק געווען צו אַנטדעקן און שענקען איר נייע זאַפאַסן, נייע מעגלעכקייטן, דערמונטערן איר גייסט, אַ שטויס טון צו נייע אויפברויזן פון קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ.

און זייט אַ געוויסער צייט האָט זיך זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף די געביטן, וואו ס'איז נאָך נישט געקומען קיין מענטשלעכער פוס. אויף ביידע האַלבקוילן, הינטער הויכע ברייטן זענען געלעגן געביטן געשמידט אין ווייסן שווייגן.

אונטער דער שווערער, גרינלעך-קרישטאָלענער משא פון אייז, אונטער די פוכיקע שיכטן פון אייביקן שניי זענען געווען פאַרבאָרגן שטחים, חושכדיקע, דורכגעפרוירענע מאַסעס פון שוואַרצע באַזאַלטן און פון מרה-שחורהדיקע גראַניטן.

אין אַרקטיק זענען זיי געווען דורכגעריסן, שאַפנדיק אַן אַרכיפעלאַג פון געהיימע שטחים, רעשטלעך פון אַ מאַטעריק, וואָס איז פאַרזונקען אין וואַסער-אָפגרונט.

אין אַנטאַרקטיק, הינטער די ריזיקע אָפריסן פון אייז-באַריערן, האָט זיך די ערד געהויבן מיט אַ דראָענדיקן מאַסיוו פון באַרג-הויכן, וואָס זענען גלייך צו די אַלפן. זי האָט געשאַפן אַ לעגענדאַרן מאַטעריק, אַ נישט-צוטריטלעכן און פיינטלעכן. ער האָט זיך חושכדיק פונאַנדערגעלייגט אַרום פאָל, פאַרבאָרגנדיק, אפשר, אין זיינע טיפענישן אומגעהייערע סכומים מינעראַלן, וואַרעמקייט-און ליכט-ענערגיע, וועלכע זענען נייטיק דער אָרים-ווערנדיקער מענטשהייט.

אין אים, טיף אונטער דעם באָדן, האָט געזידט אַ קאַמף פון וועלט-כוחות, טויב געוויגט די אויבערפלאַך, געבראָכן שיכטן

פון באַריערן, און אַרויסגעריסן זיך מיט פייערלעך־טרויעריקע זיילן רויך און אַש פון די עפענונגען פון די שרעקנדיקע וואַלקאַנען עבערוס און טערראָר.

און ווידער, אין משך פון צען יאָר, האָבן די דורך אים געפירטע שיפן אַרייַנגעשניטן זיך אין די פאַרכישופטע געביטן, און די ברעטער פון די שיף־דעקן האָבן געציטערט אונטער זייַנע פיס שוין נישט פון די ווייכע און לייכטע כוואַליעס־באַוועגונגען, נאָר פון סקריפּען, קנאַלן און דונערן פון דעם דורכזיכטיקן, בשמהלאָזן און אומברחמנותדיקן אייז, וואָס פלעגט זיך צונויפדריקן אַרום די שיפן און ברעכן די דעק־בעלקעס און שיף־ווענטלעך און אויסקרימען די שיף־ריפּן.

אַרייַנגעכאַפּט אין די סקריפּענדיקע און קנאַקנדיקע קינבאַקן פון אייז, איז די הילפלאָזע שיף הכנעהדיק געשוואומען, אונטערגעבנדיק זיך אַן אומזיכטבאַרן שטראָם אויף דער הויקערדיקער פּלייצע פון אייז־פעלד. טעג נאָך טעג פלעגן פאַרבייגיין און נעכט נאָך נעכט.

ערגעץ־וואו ווייט איז געפלאָסן דאָס געוויינלעכע רואיקע לעבן, ס׳האָבן גערוישט די גאַסן פון שטעט, באַגאָסן מיטן בלויעכן האָניק פון עלעקטרישע שייַנען, עס האָבן זיך פונאַנדערגערוקט די פאָרהאַנגען פון טעאַטערס, פאַרבלענדנדיק מיט אַ פּאַווישן וואַסער־ווירבל פון פאַרביקע רעגנבויגנס, עס זענען שמאַכטנדיק געפאַלן אין שמעקנדיקן האַלב־טונקל וואַסערפאַלן פון סימפאָניעס און פוגעס, עס האָבן גיריק געגלאַנצט רופנדיקע און זיך אָפּגעבנדיקע אויגן. אין הויכע זאַלן מיט בילדער פון געקרוינטע פּערזאָנען, האָבן מענטשן, אייַנגעלייטע פון פּאַרנט און הינטן אין גלאַנציקע קאָנסערוון־שעכטלעך פון מונדירן, מיט שאַמקענדיקע שטימען באַשלאָסן גורלס פון לענדער. ס׳האָבן אויפגעפלאַקערט מלחמות, עס האָבן זיך געשלאָסן און געריסן קאָאַליציעס.

און אַרום דער דורך אייז פאַרכאַפּטער שיף האָט זיך געשפּרייט אַ דורכזיכטיקע, קנאַקנדיקע שטילקייט. עס האָבן זיך געענדיקט די שפּייז־זאַפּאַסן. מענטשן מיט אויגן אַנטצונדענע פון שנייען־גלאַנץ, מיט געשוואָלענע, בלוטיקע יאַסלעס, פלעגן אַראָפּ־

ניין פון שיף-דעק אויפן אייז, וואקלענדיק זיך פון שוואכקייט. קויל-
האלטנדיק די ביקסן, פלעגן זיי זיך גנבענען צו די אייז-לעכער און
שעהענווייז לויערן אויף א קיילעכדיק קעפל פון א ים-הונט מיט
א גוטן, מענטשלעכן בליק, אדער אויף קליינינקע, כיטרע קוילכע-
לעך פון א ווייסן בערס אויגן.

ס'פלעגן פארברענט ווערן די גאנצע קוילן, און איבער דער
שיף פלעגן קלינגענדיק קלאפן די העק. ארויסברעכנדיק ברעטער
און בעלקעס אויף באהייצונג. א גלייכגילטיקייט און שטערבלעכע
שלעפעריקייט פלעגט באהערשן די קאמאנדע. די אפיצירן און
מאטראזן פלעגן נישט ארויסגיין פון די קאיוטעס און פלעגן זיך
גאנצע טעג וואלגערן, זיך איינורענדיק אין דורכגעפוילטע
פוטערנע זעק, וואס פלעגן צופרירן צו די דורכגעפרוירענע
בארטן.

און נאר ער, דער קאמאנדיר און פירער, פלעגט אלע טאג
שעהענווייז שטיין אויפן ספארדעק און דורכנעמען די ווייסע האלב-
טונקלקייט מיט די נישט-פינטלענדיקע אויגן פון א נביאישן פויגל,
דערשנאפנדיק אין דער לופט מיט אן איבערמענטשלעכן חוש די
נישטמערקבארע סימנים פונם דערנענטערן זיך פון ווארעמע, אייז-
ברעכנדיקע ווינטן.

זיי פלעגן אנקומען פלוצלינג, ביינאכט, מיט א פייכטן רוישן
און פייפן. עס פלעגט שטארק סקריפען דער האלב-צעקוועטשטער
שיף-קארפוס. א קלינגענדיק שאלן, קריצן און פייפן פלעגט זיך
קייקלען איבער די אייז-פעלדער, אזוי ווי אן אומזיכטבארע אר-
טילעריע וואלט זיי באשאסן מיט אן אורגאן-פייער.

אויף צומארגנס פלעגן זיך ארום דער שיף באווייזן ברייטע
אייזלעכער, און אין זיי פלעגט מיט שווארצן זילבער זיך רונצ-
לען דאס וואסער. אין די אויוונס פלעגן פליען די לעצטע הענג-
בעטלעך, די ברעטער פון די בריקלעך, פון אייבערשטן שיף-דעק
און די שרויפן, פאמעלעך בורטשטענדיק אונטער דער אונטער-
שטער שיף-טייל, פלעגן עגבערן די אייזיקע שווארצקייט פון די
טיפענישן. לאנגזאם, טריט ביי טריט, פון שפאלט צו שפאלט, פון
אייזלאך צו אייזלאך, פלעגט די שיף ענדלעך ארויסגיין אין דער

הודיענדיקער ברייטקייט פון אָקעאַן, און מענטשן פלעגן אָטעמען
און שיפור ווערן פון פרייהייט־און ברייטקייט־שוואונג.

אַזוי פלעגט דער ז י ג ע ר יאָר־איין, יאָר־אויס זיך דורכ־
שלאָגן צו די פּאָליוסן. אין איינער פון די ים־רייזעס, האָט ער
פאַרלאָזט די שיף מיט פינף באַגלייטער און צוואַנציק טונדרע
הינט, און אויף שמאָלע און לייכטע שליטנס האָט ער זיך גע
לאָזט איבער אייזיקע באַריערן און שוואַרצע באַרג־רוקנס צום
אומצוטרויִלעכן האַרץ פון אַנטאַרקטיק.

דורך ווילן, צודרינגלעכקייט און עקשנות איז ער בייגעקו־
מען די אייזיקע פּאַסטקעס און אין אַ קליין בערגל שניי, אין דעם
פונקט, וואו דער סעקסטאַן און דער קאָמפּאַס האָבן געוויזן דעם
עק פון אַן אומזיכטבאַרער אַקס, וואָס שטעכט דורך די ערד, האָט
ער אַריינגעשטעקט די פאָן פון זיין פאָטערלאַנד.

אַרום איז געווען שטיל און וויסט. די אויסגעדאַרטע הינט
מיט ריפּן, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט פון אונטער דער קאַלי־
טענעמאַטער און צוגעפרוירענער צו די זייטן פעל, האָבן זיך גע־
טוליעט צו די שליטנס. פאַראומערט און גלייכגילטיק זענען גע־
שטאַנען די מידע באַגלייטער און אויף איין מאָמענט האָט דער
ז י ג ע ר דערפילט אַ נאָגעניש און פאַרלוירנקייט.

אַ פאַרהאַנג פון נאָך איין סוד איז אַראָפּגעפאַלן, אַראָפּגע־
ריסן דורכן עקשנותדיקן אָנגריף פון זיין האַנט, און — מאָדנע! —
ער האָט נישט געפילט די דערוואַרטע באַפרידיקונג. די פאַרגלי־
ווערטע, פון פראָסט שטעכיקע לופט, וואָס האָט זיך נישט באַ־
וועגט איבער דערדאָזיקער אָפּגעשטאָרבענער וויסטע, האָט גע־
פרוירן און געטויט זיינע טרוימען וועגן דער צוקונפט פון דער
מענטשהייט, וועגן נייע אוצרות פון דער וועלט־ווירטשאַפט.

אַלנפאַלס האָט ער אין דאָזיקן מאָמענט געפילט בלויז
שטערבלעכע פאַרמאַטערטקייט, אַנטוישונג און הונגער. אין דעם
מאָמענט האָט ער נישט געזעען אין די הענט פון דער מענטש־
הייט קיין מיטלען, כדי צו באַהערשן דידאָזיקע אוצרות, וואָס באַ־
האַלטן זיך אונטער דרייהונדערט־מעטערדיקן פאַנצער פון שטאַרקן,
ווי שטאָל, אי

ער האָט מעכאַניש פאַרריכט דאָס איינגעבויגענע שטיקל פון דער פאָן, און אראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, האָט ער באַפוילן זיינע באַגלייטער אומצוקערן זיך.

און בעת זייערע סילועטן זענען פאַרשוואונדן געוואָרן אין אויסגעבראָכענעם שניי־שטורעם, איז פון דער אַנדערער זייט צוגעקומען צו דעם זעלבן פונקט אַן ענגלענדער מיט זיינע מענטשן. ער האָט דערזעען אַ פרעמדע פאָן אין בערגל שניי, האָט ער זיך געכאַפּט פאַר די אָפּגעפרוירענע לילאַ־באַקן און האָט טויב אַ קרעכץ געטון.

ער איז אַהער געקומען מיט אַנדערע געדאַנקען און אימפולסן, ווי דער ז י ג ע ר. ער איז געקומען פאַרנעמען פאַר גרויס־בריטאַניע נאָך איין שטיקל ערד, אַ לייִדיקס, אומנויטיקס, טויטס און נישט צוטריטלעכס. אָבער דער בריטישער שטאָלץ האָט געפאָדערט, אַז אַלע ערטער פון דער ערד־קויל, וואָס פאַרמאָגן נאָך נישט קיין באַלעבאָס, זאָלן זיך אונטערוואַרפן דער קרוין פון זיין מאַיעסטעט, דעם ענגלישן קעניג, און אין בריטישן מיניסטעריום איז שוין געלעגן אַן אונטערגעשריבענער באַפעל וועגן באַשטימען אַ גובערנאַטאָר פאַר דעמדאָזיקן געביט, וואו ס'איז נישט געווען קיין איין קעמערל פראָטאָפּלאַזמע און וואו קיין איין פאָליסמען וואָלט נישט געקאָנט געפינען פאַר זיך קיין באַשעפטיקונג.

און ער האָט פאַרשפּעטיקט. פרעמדע קאָלירן האָבן געפלאַטערט איבערן צענטער פון אַנטאַרקטיק, שורשענדיק מיט די שווערע זייד־פאַלדן.

פונקט ווי דער ז י ג ע ר, האָט זיך דער ענגלענדער מיט אומעט אומגעקערט צוריק. אויף צוריקוועגס איז ער געשטאָרבן פון עגמת־נפש און באַליידיקונג. זיינע מענטשן האָבן אויסגעהאַקט אַ גרוב אין קלינגענדיקן גרינעם אייז און אַריינגעלייגט דאָרט דעם טרוקענעם, לייכט זיך ברעכנדיקן קערפּער.

און דער ז י ג ע ר, אומקערנדיק זיך אויף זיין שיף, האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין קאַיוטע און איז אַ וואָך נישט אַרויס פון דאָרט. און ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אויפן

בריקל, האָבן זיינע מענטשן דערזעען, אַז אויף זיינע באַקן האָבן זיך דורכגעשניטן צוויי נייע, טיפע רונצלען.

אָבער זיין וועג איז נאָך נישט געווען געענדיקט. ער האָט נאָך געהאַט פאַר זיך דעם צפון. אויך אַזאַ בערגל שניי אָדער אַ כוואַליעלאָזער וואַסער-אָפּגרונט איבער אַן אַקס, וואָס מ'שטעלט זי זיך פאָר.

אין יענער צייט האָבן הודיעדיקע מעטאַלענע פייגל באַהערשט די נישט-פאַלגעוודיקע און נקמה-נעמענדיקע לופט.

דער ז י ג ע ר האָט אוועקגעוואָרפן די שיפן און אויף פליגלען זיך געוואָרפן אין אַ קאַמף מיטן צפון.

בעת דער ערשטער לופט-רייזע איז ער געצוואונגען געווען, נישט צוקומענדיק צום ציל, אַראָפּצולאָזן זיך אויף אַ שווימענדיקער אייז-קריע. די מאַטאָרן, שוין צוגעוווינטע צו דער באַזיגטער לופט פון די מיטעלע ברייטן, האָבן זיך אויסגעהויכט אין פאַרפרוירענעם רוים.

צוויי וואָכן צייט האָט דער ז י ג ע ר מיט זיינע באַגלייטער געהיילט זייערע פון קעלט צונויפגעדריקטע הערצער, ביז ס'האָט ווידער אָנגעהויבן צו פליסן דער בענזין איבער די מעשענע אַר-טעריעס און ס'האָט זיך צערוישט דער ווילד-געוואָרענער פולס פון די צילינדערס. דער גרויער פויגל האָט זיך אומגעקערט דאַן, ווען מ'האָט שוין אויפגעהערט אויף אים צו וואַרטן.

דאַן, איבערצייגנדיק זיך אין דער אומפולקאָמענהייט פון עראָפּלאַן, האָט זיך דער ז י ג ע ר געווענדט צום דיריזשאַבל און האָט זיינס דערגרייכט. אין קומענדיקן יאָר איז ער דורכגעפלויגן איבערן אָרט פון זיינע לעצטע שטרעבונגען. די זעלבע וויסטע האָט זיך געצויגן אונטער דעם דורכזיכטיק-גרויען קאָרפוס פון דער לופט-שיף.

ווידער איז פון זייטיקן גאַנדאָלע-בריקל אַראָפּגעפאַלן די צפון-פאָן מיט אַ פאַרפוצטן שטעקל. מיט אַ שאַרפן פייף איז עס אַראָפּגעפלויגן אונטן און זיך טיף אַריינגעשטעקט אין שניי. און אַזוי ווי פריער, האָט אויך איצט דער ז י ג ע ר געהאַט דאָס זעלבע געפיל פון אַנטוישונג און נאָגעניש.

אָבער דאָסמאָל האָט אויפן רום פון דער רייזע גופא פרעטענ-

דירט זיינער אַ באַגלייטער, אַן אַנפּאַנגער אין הייטע רייזעס. דורך שרייאיקער רעקלאַמע, אַליינבאַרימעריי, אומפאַרשעמטער חוצפה, האָט ער געוואָרפן אַ שאָטן אויפן ז י ג ע ר ס נאָמען, און דער אַלט-הערנדיקער פאַרשער האָט שוין נישט געקאָנט פּראָטעסטירן און קעמפן.

ער איז שוין אויף אַן אמת מיד געוואָרן. דער אַמאָליקער פאַרביילויפנדיקער און אָפּשוואַכנדיקער חלום איז געוואָרן אַ גע־גאַרטעווירקלעכקייט. דאָס ווייסע הייזל אונטער דעם מיט דאַכעווע־קעס באַדעקטן דאַך, אויפן ברעג פון דער שטילער בוכט, האָט אים גאַסטפריינטלעך געעפנט די טירן פון לעצטן אָפּרו: ער האָט געפילט, ווי עס וועבט אים אַרום מיט הייכע נעצן די איינוויגנ־דיקע רויקייט, און ער האָט נישט געקעמפט מיט דער זיסער גלייכגילטיקייט, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט.

ס'איז נישט געווען מער מיט וואָס צו קעמפן, ס'איז נישט געווען מער וואָס צו אַנטדעקן.

די וועלט איז געווען אויסגעפאָרשט און דורכגעגאַנגען דורך און דורך, די אומענדלעכע סטעזשקע פון וועג האָט, דורכ־לויפנדיק טויזנטער מיילן, געבראַכט אים צום אויסגאַנגס-פּונקט. פון קרייז איז נישט געווען קיין שום אויסוועג און ער האָט שלום געמאַכט מיט דער אומפאַרמיידלעכקייט, מיט דער נייטיקייט שטיין צו בלייבן און צו וואַרטן אויף אַן אַנדערן סוף. אונטערן יאָך פון טרויעריקן און נישט באַפרידיקטן רום. דער רויקער שלים האָט אים איינגעוויגן, ס'איז נישט געווען וואו זיך אַרויסצורייסן פון אים.

מיט פולער גלייכגילטיקייט האָט ער זיך באַצויגן צו דער ידיעה, אַז זיין באַגלייטער פון דער לעצטער רייזע, זיין שונא, וואָס האָט צוגענומען ביי אים אַ העלפט פון לעצטן זיג, גרייט זיך צו אַ נייער עקספּעדיציע אויף אַ שיף אינם האַרץ פון דער ווייסער שטילקייט.

דאָס מידע בלוט האָט נישט געענטפערט אויף דעראָזיקער ידיעה מיט אַ פאַרשטאַרקטער פּולסאַציע. ער האָט בלויז זקניש־קלוג און זקניש-רויק געשמייכלט. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז

האָט נישט ליב קיין לייכטזיניקע הפקרות און ער האָט אויף פריער געוואוסט דעם סוף פון דערדאָזיקער אונטערנעמונג.

אָבער ער האָט געשוויגן. ער האָט נישט געוואָלט נישט וואָרענען, נישט פאַראורטיילן, און נאָך ווינציקער העלפן. אים זענען באַוואוסט געווען געזעצן, באַהאַלטענע פון אַנדערע. ער האָט אָבער פאַרויס געשפּירט, אַז מ׳וועט נישט גלייבן זיין וויסן.

און נאָר דאַן, ווען ס׳איז געקומען אַ קורצע ידיעה, — וואָס האָט נעבעכדיק אַ פּישטשע געטון אין וועלט-טומל אַריין מיט מאָרזעס סימנים — וועגן דער קאַטאַסטראָפע מיט „ראָזאַ מאַרי", מיט דער שיף פון זיין שונא, וועלכער האָט, פּראַקטנדיק דאָס געזעץ פון אייז, געוואָלט אויספירן דאָס, וואָס דער ז י ג ע ר גופא האָט נישט געקענט — צוקומען אין די פאַרווערטע געביטן אין אַ הילפלאָז און נעבעכדיק שאָלעכץ פון האָלץ און אייזן און איז אָן אַ זכר פאַרשלונגען געוואָרן דורך די רייס-ציינער פון די אייז-פעלזן, — דאַן האָט זיך דער ז י ג ע ר אויפגעכאַפּט פון דער איינשלעפערנדיקער רו.

אַן אַנדערע, נישט די אַמאָליקע שטים פון זוכן און וואַנדערן, האָט אים אַ רוף געטון. אַן אַנדערער רוף, אַ רוף פון חוב און פון פשוטן מענטשלעכן רחמנות צו אַ קליין הייפעלע מענטשן, וואָס שטאַרבן אין די אייזיקע צוואַנגען, מענטשן, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך געפונען זיין שונא, אַ מענטש, וואָס האָט אָפּ-גענומען ביי אים די פרייד פון דער לעצטער דערגרייכונג. דערדאָ-זיקער רוף האָט אָנגעצונדן זיין בלוט מיט אַ יונג ברויזנדיק פייער און נישט טראַכטנדיק האָט ער זיך אַ וואָרף געטון נאָך אים.

*   *
*

גיליאָמע האָט אומגעדרייט צו דער פּאַסאַזשירן-קאַבינע זיין אָנגעכמורעט פּנים, מיט די צונויפגעצויגענע צום נאָזוואָרצל ברעמען, און מיט די צונויפגעדריקטע ליפּן. ביים רודער פלעגט ער אויפהערן זיין זאָרגלאָז-פריילעך, ווי ער פלעגט זיין אויף דער ערד.

באַגעגנענדיק מיטן בליק דעם ז י ג ע ר ס אויגן, האָט ער

דרך־ארצדיק־שטרענג א שמייכל געטון. אין משך פון דער קורצער צייט פון זייער באַקאַנטשאַפט האָט ער באַוויזן ליב צו קריגן דאָס קאַבעדיקע אש פון דידאָזיקע דורכדרינגענדיקע שוואַרצאַפּלען, און אויפהייבנדיק די האַנט אין א פוטערנער הענטשקע, האָט ער א געשריי געטון אָפּגעריסן און שאַרף, מיט א פויגליש געשריי:

— פאַרטיק!

דער ז י ג ע ר האָט פאַמעלעך און שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

גיליאַמע האָט זיך א קער געטון צום רודער און פונקט אזוי קורץ א רוף געטון צו וואַלטער שטראַלן:

— דעם קאָנטאַקט...

*   *

*

די מענטשן, וואָס זענען געבליבן אין האפן, דער דירעקטאָר העלמסען, די אָנגעשטעלטע פון דער פאַקטאָריע און נילס וואַללאַן האָבן דערזעען, ווי די פּראָפּעללערן־קרייצן האָבן א ציטער געטון און זיך צוזאַמענגעגאָסן אין האַסטיקע, הודיענדיקע קרייזן. דער הידראָפּלאַן האָט א ציטער געטון, זיך א ריס געטון, כמעט אַרויסגעשפּרונגען פון וואַסער; פון זיינע גרינע, ווייס־געשטרייפטע שווימהעלצלעך האָט זיך פלעשטשענדיק און שיפּענדיק א גאָס געטון שוים.

ער האָט זיך שנעל פאַרקלענערט, איילנדיק אין זיין לויפן צו דער לעפצונג פון ים־איינגוס, צו דער אָפענער ברייטקייט. דאָס הילכיקע ריטשען פון דער דורך די פּראָפּעללערן צעוויכערטער לופט, איז צעגאַנגען און צעשוואומען געוואָרן אין ווייכן אָנגריף פון ווינט.

נאָך א פּאָר רגעס און דער אַפּאַראַט האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם בלוילעכן וואַסער־צודעק, זיך צעפלאַטשיקט מיט א דיגעם שוואַרצן שטריך איבערן גאָלדענעם הימל, זיך א קער געטון, און מיט א שאַרפן ריס אַרויפצוצו איז ער אַוועק צום צפון.

איבערן ברעג זענען געלאָפן כאַפּענדיק צום האַפן־צופאַר פאַרשפּעטיקטע רעפּאָרטערן און פאָטאָגראַפן, פונאַנדערוויקלע־

דיק אין גאַנג די שטאַטיווו און פרווונדיק צו כאַפּן אויפן נעגאַ-
טיוו דעם ליידיק-געוואָרענעם הימל. דאָס שוואַנקענדיקע שוואַרצע
הינטל האָט אַ שימער געטון צום לעצטן מאָל און איז צעגאַנגען
געוואָרן, ווי אַ שטיקעלע צוקער אין קאָכעדיקן וואַסער.

נילס וואַללאַן האָט אַ זיפץ געטון און אַראָפּגערוקט נידע-
ריק איבער די ברעמען זיין גרין, ווייס-געשטרייפט וואָלן מיצל.
עס האָבן אים אַרומגערינגלט רעפּאָרטערן.

5

דאָס פליען האָט זיין אייגענעם אויסערגעוויינלעכן און צו-
ציענדיקן פּייזאַזש.

דער הידראָפּלאַן איז געפלויגן הויך איבער דער בוכט
דזשעדרי-באַי, אַלץ שאַרפער קירעווענדיק זיך צום צפון. די שאַרף-
ציינערדיקע מיט סאָסנעס באַדעקטע ערד-שפּיצן זענען געשוואומען
אויף צוריק, אַרומגעשווענקט מיט דעם ימס בלויקייט. דער ים האָט
אויסגעזעען ווי אַ ריזיק גלאָז פון בלענדנדיקער שיין, און די
ברעגעס זענען געווען ווי אַרויפגעקלעבט אויפן דאָזיקן גלאָז.

דער גאַנצער פּייזאַזש איז אויסערגעוויינלעך ענלעך געווען
צו די מאָדעלירטע געגנט-מאַקעטן, וועלכע מ'קאָן זען אין מי-
ליטערישע מוזעאומס. די ערד, אויסגעמאָדעלירט פון פּאַפּיע-מאַשע,
באַשאָטן מיט באַפאַרבט זאַמד, אויף וועלכן עס זענען אָנגעקלעבט
די גרינע הערעלעך פון די וועלדער און שטיקעלעך אַלטע נעגאַ-
טיוון, וואָס פאַרבייטן וואַסער-שטחים.

דער ערדישער מאַקעט האָט זיך לאַנגזאַם געגליטשט אונ-
טער די פליגלען פון דער מאַשין, פאַרשווימענדיק אין ראָזלעכן רויך.
פון פאָרנט האָט זיך מיט קאָמפּאַקטער, ווי קוועקזילבער בלישטשענ-
דיקער געפאַלדעוועטקייט, צוגערוקט דער אָקעאַן. ער איז אָנגע-
לאָפן פון הינטערן האָריזאָנט, ווי אַן אומענדלעכע ווערטיקאַלע
וואַנט.

אגב, פון אַלע איינוואוינער פון דער גאַנדאַלע, האָט זיך
מיטן ערד-פּייזאַזש פאַרנומען בלויז מאַדלען. זי איז געווען אין

דערדאָזיקער לופט-רייזע נאָר אַ פּאַסאַזשירקע, אַ מענטש אָן פּליכטן, און דאָס האָט איר דערלויבט הנאה צו האָבן פון די אַנטלויפנדיקע שאָטנס פון דער פעסטער ערדישער וועלט און פון שימערירנדיקן פינקלען פון אָקעאַן.

פון אַלע איבעריקע, איז יעדער איינער געווען פאַרנומען מיט זיין זאַך, און האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, וואָס ס'איז פאַרבליבן אונטן און הינטן.

וואַלטער שטראָל האָט זיך ביז אַ העלפט אַרויסגערוקט פונם איבערשטן פענסטערל פון דער פּאַסאַזשירן-גאָנדאָלע און אונטערשטעלנדיק די אַקסלען דעם עלאַסטישן דרוק פון דער דורכגעשניטענער לופט, האָט ער אויפגעפּאַסט די אַרבעט פון די מאָטאָרן אין מאָטאָר-שטיבל.

זיין קאָפּ, מיט דעם אויף הינטן אַראָפּגעלאָזטן פּוטערנעם קאַפּטור, האָט זיך לאַנגזאַם געבויגן פון איין מאָטאָר צום אַנדערן. ער האָט זיך איינגעהערט. ער האָט זיך איינגעהערט מיט אַ ביסל אַ טרוימערישן, אויסוואַרטנדיקן און אויפמונטערנדיקן שמייכל צום גלייכמעסיקן הודיען פון די צילינדערס. אַן אַלטער און גוטער דאָקטאָר הערט זיך אַזוי צו דורכן סטעטאָסקאָפּ צום שלאָגן פון קינדס האַרץ, וואָס האָט נאָר וואָס דורכגעמאַכט דעם קריטישן מאָמענט פון דער קראַנקהייט און ער שמייכלט אַלץ באַפרידיקנדיקער, וואָס מער דער ריטם פון די האַרץ-קלעפּ באַווייזט אים, אַז די סכנה איז אַריבער און מ'קאָן דערפרייען מיט איין מונטערן שאָקל מיטן קאָפּ און אַ פינגער-שנעל די טעמפּ-געוואָרענע פון וואַרטן קרובים, וואָס שטייען ביים בעטל.

און אומקערנדיק זיך פון צייט צו צייט צו גיליאָמע, באַ־גענדיק דעם פּליערס אומבאַוועגלעכן בליק, פלעגט וואַלטער שטראָל אומבאַוואוסטזיניקערהייט דורכמאַכן דידאָזיקע דאָקטאָרישע באַוועגונג. ער פלעגט שאָקלען מיטן קאָפּ, שנעלן מיט די פינ־גער און לויט דעמדאָזיקן סימן פלעגט גיליאָמע פאַרשטיין, אַז די מאָטאָרן זענען אין פולער אָרדנונג און ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו באַאומרואיקן.

זייט דעם מאָמענט פון אויפהייבן זיך, האָט דאָקטאָר עריקסען

זיך נישט אָפּגעריסן פון זיינע מכשירים. ער האָט קאָנטראָלירט די זון־קאָמפּאַסן, זיי האָבן געקלאַפּט מיט א דייטלעכן קלונג, וועלכן מ׳האָט געקאָנט דערהערן אפילו אינם רעווען פון די פּראָפּעללערן. ער האָט זיך באַרואיקט, צאַרט א גלעט געטון דאָס דעקל פון קאָמפּאַס און געלאָזט אין גאַנג דעם אויטאָמאַטישן פייכטקייט־מעסטער. קוקנדיק א ווײַלע אויף דער געשלענגלטער ליניע, וועלכע ס׳האָט געצייכנט דער גריפלנער שטיפט, וואָס איז געווען אריינגעפּאַסט אין א מעטאַלן פּיסל, האָט ער ארויסגענומען אן אמערינישן רונדן סעקסטאַן און האָט צום לעצטן מאָל אויפגענומען די ריכטונג לויט דעם פּיצל פון דער פאַרשווינדנדיקער ערד, וואָס האָט זיך קוים געזעען אין נעפּל.

דער ז י ג ע ר האָט זיך אראָפּגעבויגן צו די מאַפּעס, וואָס זענען פונאַנדערגעלייגט געווען אויף זיינע קני און, נישט אויפהייבנדיק די פּלייצע, האָט ער אָן אויפהער געמאַכט באַמערקונגען אין זיין נאָטיץ־ביכל. ער האָט נאָכאַמאָל דורכגעקוקט די ליניעס פון די שוין דורכגעמאַכטע שטחים און געלייענט אין זיי ווי אין א בוך, וואָס איז פאַר אַנדערע געהיים און אָפן פאַר אים, די קאָמפּליצירטע געשיכטע פון די וועלט־וועגן.

ער האָט פּלוצלינג אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

דאָקטאָר עריקסען האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און אָנגערירט זיין קני מיט דרך־ארץ, אָבער דרינגענד.

דאָקטאָר עריקסען האָט אָנגעוויזן אויפן גלעזערנעם ווענטל פון פּליערס קאַבינע. גיליאַמע האָט מיטן קאָפּ געגעבן א צייכן, וואָס ס׳האָט איינגעלאַדן דעם ז י ג ע ר צו דערנענטערן זיך. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אָפּגעלייגט די מאַפּע און, האַלטנדיק זיך פאַר די ווענטלעך פון די פאָטעלן, — דער אפּאַראַט איז געשליידערט געוואָרן אין די לופט־גריבער, — האָט ער זיך צוגערוקט פאָרנט, צום גלעזערנעם ווענטל.

גיליאַמע האָט געוויזן מיט דער האַנט פאַר זיך.

פאַר דער נאָז פון עראָפּלאַן, ווייט פאָרויס, אָבער דערנענטערנדיק זיך מיט יעדער רגע, איז געהאַנגען א האַריק־גרויע וואָ־

לענע פאַרהאַנג. זי האָט זיך געוויגט ווי אַ זעלנערישע דעקע, וואָס מ'האָט אויפגעהאָנגען צו טריקענען.

גיליאַמעס ליפּן האָבן זיך אַ ריר געטון. דער קלאַנג פון וואָרט איז צעשוואומען געוואָרן אין רעווען פון די מאַשינען, אָבער לויטן צונויפלייגן פון די ליפּן, לויט דער זיך אַנרוקנדיקער פאַרהאַנג, האָט דער זיגער פאַרשטאַנען דאָס געזאָגטע.

— נעפּל.

די שווערע אויגנלעפּלעך האָבן זיך פאַרזשמורעט איבערן הייסן אַש פון די שוואַרצאַפּלען, און די קנייטשן ביים מויל האָבן אַ ציטער געטון. נעפּל. דאָס איז געווען דאָס ערגסטע, דאָס, פאַרוואָס מ'האָט באַדאַרפט מורא צו האָבן.

אָבער שוין אין דער צווייטער רגע האָט ער אויפגעהויבן די האַנט, ווייזנדיק אויפן הימל, און גיליאַמע האָט אויף אַ ווײַלע אַ גלאַנץ געטון מיט די ציין אין אַ קורצן און געשעפּטלעכן שמייכל און אַרויפגעלייגט אויף זיך די רולן פון הויכקייט.

אין דעמזעלבן מאָמענט האָט דער הידראָפּלאַן ווייך, ווי אין וואַטע, אַ נידערקע געטון אין מילכיק-ווייסן, פייכטן און שטיקנדיקן נעפּל. מאַדלען האָט זיך מיט אַ לייכטן געשריי אָפּגעקערט פון פענסטער און האָט אומרויק אַ קוק געטון אויפן ז י ג ע ר, וואָס האָט זיך אומגעקערט אויף זיין אָרט. אָבער זיין טרוקן, טונקל פּנים איז געווען רויק, ער האָט פאַרבייגייענדיק אַוועקגעלייגט די האַנט אויף דער פרויס אַקסל, און פון דערדאָזיקער זיכערער באַרירונג, האָט זי דערפילט אַ רויקייט, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבערן גאַנצן קערפּער, און זי האָט דאַנקבאַר אַ שמייכל געטון צו אים.

אַ שאַרפער אַרויספלי האָט זי אַ וואָרף געטון אויפן ווענטל פון פאָטעל און זי האָט צוגעמאַכט די אויגן. ווען זי האָט זיי ווידער געעפנט און אַ קוק געטון אין פענסטער, — האָט די זון באַגאָסן מיט אַ רויטער שיין דעם זילבערנעם פליגל. די טונקעלע, שטיקנדיקע דעקע האָט זיך געוויגט אונטן, טיף אונטער די פיס, און האָט נישט געהאַט קיין כוח זיך צוצוציען צו די שווימהעלצלעך פון הידראָפּלאַן.

זי האָט אַ קוק געטון אין דאָקטאָר פריקסענס זייט. ער האָט זיך צוגעבויגן צום פענסטער און עפּעס באַטראַכט אונטן.

ביים אויסדרייען זיך האָט ער געכאַפּט איר בליק, און זי אַ רוף געטון. מאַדלען האָט זיך אויפגעהויבן און, זיך אָנשפּאַרנדיק אויף זיין אַקסל, האָט זי זיך איבערגעבויגן צום פענסטער. זי האָט דערזעען אַן אויסערגעוויינלעך בילד. אונטן, אויף דער דעקע פון נעפּל האָט זיך געטראָגן אַן אַנדערער הידראָפּלאַן, אָפּגעשפּיגלט ווי אין אַ שפּיגל, איבערגעקערט מיט די פיס אַרויף און אַרומגערינגלט מיט אַ בלישטשענדיקן רינג פון רעגנבויגן. אַזוינס האָט זי קיינמאָל נישט געזען בעת אירע אַמאָליקע, פּראָזאַישע און געוויינלעכע לופט-רייזעס מיט גיליאָמע איבער די גרינע פעלדער און וועלדער פון פראַנקרייך. זי איז פאַרשטאַרט געוואָרן ביים פענסטער, זיך אָנקלאַמערנדיק אָן רימען.

דער רעגנבויגן-רינג האָט געציטערט, געפינקלט, געלויכטן, דאָ אויסלעשנדיק זיך, דאָ אויפפלאַקערנדיק מיט אַ כמעט פאַר די אויגן אומדערטרעגלעכן גלאַנץ. זי האָט זיך נאָך נענטער צוגערוקט צום פענסטער. איר באַק איז אויסגעקומען כמעט לעבן פריקסענס באַק, ער האָט געפילט דעם וואַרעמען הויך פון דער מיט פּערפום-שמעקנדיקער הויט און ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, פאַרכישופט, פאַרגאָסן מיט אַ הייסער רויקייט.

דער נעפּל-צודעק פון אונטן איז צעריסן געוואָרן.

אין פייפנדיקן לופט-תהום האָט זיך באַוויזן אַ ווייס אייזפעלד. די שוואַרץ-בלויע שטריכן פון די אָנגעפּלאַצטע ערטער האָבן עס געשניטן אין אַלע ריכטונגען. די ברייטע אייז-לעכער האָבן אויסגעזען ווי שטילע אָזערעס. דער פּאַספּאָר האָט געגלאַנצט מיט אַ גרינלעכן פּאַספּאָר-אָפּגלאַנץ.

אָבער איידער מאַדלען האָט באַוויזן אָנצוקוקן זיך מיטן דאָזיקן בילד, האָבן לאַנגע נעפּל-פּאַסמעס זיך דרייענדיק און קרייזלענדיק, עס פאַרשטעלט. עס האָט זיך אונטן ווידער געוויגט אַ געדיכטע שווערע טונקלקייט, און פון דאָזיקן וויגן האָט זיך ביי מאַדלען ווייטיקדיק פאַרדרייט דער קאָפּ.

זי האָט זיך צאָפּגעלאָזט אויף איר פּלאַץ.

..ין דער זעלבער צייט האָט זיך װאַלטער שטראַל אַראָפּ־ געלאָזט פון דער מאָטאָר־גאָנדאָלע, און זיך איינבייגנדיק, איז ער אַריינגעקראָכן אין דער קאַבינע פון פליער. ער האָט זיך צוגע־ בויגן צום סאַמע קאָפּ פון פליער און עפּענענדיק ברייט דאָס מויל, האָט ער אים אַ געשריי געטון אין אויער אַריין, אָנווייזנדיק אויף אַרויף.

און גיליאַמע האָט, פונקט ווי דער ז. י ג ע ר, גיכער פאַר־ שטאַנען דעם מעכאַניק לויט די זשעסטן און דער ליפּן־באַוועגונג, ווי לויטן קלאַנגלאָזן געשריי, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם הודיען.

וואַלטער שטראַל האָט צו וויסן געגעבן, אַז דאָס שמיר־אייל הייבט אָן גערדיכט צו ווערן פון דער קעלט אין דער הייכקייט און אַז מען דאַרף זיך אַראָפּלאָזן אין וואַרעמערע לופט־שיכטן, אַז נישט, וועלן די צוויי מעטאַלענע העלצער פאַרגליווערט ווערן.

גיליאַמע האָט זיך ‍ נגעכמורעט. אונטן איז געווען אַ נעפּל. אַ וואָליקער, פּאַרפּירערישער, קלעביקער, נישט דורכדרינגלעכער. ער האָט זיך געצויגן אויף הונדערטער קילאָמעטערס אין דידאָזיקע טויטע שטחים און אָוועקגיין פון אים האָט מען געקאָנט נישט אַנדערש, ווי האַלטנדיק זיך איבער אים.

ער האָט נישט ליב געהאַט דעם נעפּל, אַזוי ווי אַלע פליער. ער האָט אין אים געפילט אַ געפערלעכן שונא.

דער אַעראָפּלאַן איז געווען ענלעך צו אַ פויגל, אָבער דאָך נישט קיין פויגל. דער אַעראָפּלאַן האָט נישט פאַרמאָגט דעם חוש פון רוים, הויכקייט און ווייטקייט. אַ פויגל, וואָס פליט אין נעפּל, פילט מיטן אינסטינקט אַ שטערונג אין וועג. דער מענטש האָט דעמדאָזיקן חוש נישט פאַרמאָגט, און דאָס האָט אים געמאַכט אומ־ באַהאָלפן און נעבעכדיק אין דער פייכטער פינסטערניש.

אָבער גיליאַמע האָט געוואוסט, אַז דאָס אַראָפּלאָזן זיך, אפילו בלויז צייטווייליק, איז אומבאַדינגט נייטיק. אַ ריזיקאַלישע רייזע אויפן טראַפּ. בלינדערהייט איז דאָך געווען אַ בעסערער אויסגאַנג, ווי די פּלוצלינגדיקע פאַרשטאָפּונג פון די רערן מיט גע־ דיכט־געוואָרענעם אייל, אָן אויפרייס און אַ האַלדז־און־נאַקן־

ברעכנדיק פאַלן פון אַ הויך פון אַכטהונדערט מעטער אויף די שאַרפע שטיקלעך אייז.

און דורכלאָזנדיק דורך די ציין אַ בייזע קללה, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן, בונטעווענדיק זיך און פּראָטעסטירנדיק אין דער נשמה, אָבער נישט זייענדיק בכּוח צו קעמפן מיטן געזעץ פון דער לופט.

דער ז י ג ע ר, דערפילנדיק דאָס עלאַסטישע אַראָפּלאָזן זיך פון עראָפּלאַן, האָט פרעגנדיק אַ קוק געטון אויף שטראָלן, וועלכער האָט באַלאַנסירט אין דורכגאַנג. שטראַל האָט זיך אויסגעצויגן און, אויפהייבנדיק די האַנט צום קאַפּטור, האָט ער אים אַ געשריי געטון אויפן אויער, אַזוי ווי דעם פליער, וועגן דעם וואָס ס'איז געשעע.

דאָס גערונצלטע פּנים איז טונקל געוואָרן. דער ז י ג ע ר האָט פינסטער אַ קוק געטון אין פענסטער, וועלכעס דער נעפּל האָט ווידער אַרומגעקלעבט מיט מילכיקן קיסעל. אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט דעם מעכאַניק. פּונקט ווי גיליאָטינע האָט ער געהאַוסט דעם חילן און געזעץ פון די אייז-רוימען.

ער האָט געקאָנט געבן אַ באַפעל אומצוקערן זיך. דער נעפּל איז געווען אַ נישט באַזיגבאַרער שונא און דאָס אָפּטרעטן פאַר אים איז נישט געווען קיין חרפּה.

אָבער אין משך פון זיין לאַנג לעבן האָט ער זיך אויסגעלערנט פיינט צו האָבן דאָס אָפּטרעטן. ער האָט געקאָנט אָפּטרעטן בלויז פאַרן זיכערן טויט. דער נעפּל איז געווען אַ געפאַר, אָבער נישט קיין אונטערגאַנג. און ער האָט באַשלאָסן נישט אָפּצוטרעטן.

מעגלעך, אַז פריער, ווען ער האָט מיטן אייגענעם ווילן און פאַרלאַנג דורכגעלייגט פאַר זיך די וועגן צום סוד, וואָלט ער אָפּגעטרעטן, אָבער איצט איז געגאַנגען אין דערדאָזיקער חושכדיקער און אויסגאַנגלאָזער וויסטע נישט צוליב זיך. עטלעכע הונדערט קילאָמעטער ווייטער האָבן אויף אַן אייז-קריע געגליווערט דריי מענטשן אָן עסן, אָן הילף, איינזאַמע אין דער ווייסער שטילקייט פון קלינגענדיקער קעלט.

און צווישן דידאָזיקע דריי איז געווען זיין שונא. און דע-

ריבער האָט ער נישט געטאָרט אָפּטרעטן. ער וואָלט געקאָנט אָפּטרעטן פאַר אַ סכנה ביים ראַטעווען אַ פריינט. אָבער כדי צו ראַטעווען אַ שונא, האָט מען געמוזט פאַראַכטן אַלע געפאַרן. אַזוי האָט אים געהייסן אַן אינערלעכע באַפעלערישע שטים.

דער הידראָפּלאַן האָט מיט אַ טויב רעווען געשניטן די סמעטענע-געדיכטקייט פון נעפּל.

די דינע, טרוקענע פינגער פון נויראַסטעניק אויפן ראַנד פון רודער האָבן געלעבט מיט זייער אייגן, אָנגעשטרענגט, אויפמערקזאַם לעבן. זיי האָבן ווי עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פון פּליער. מיט אַ בליץ-שנעלער גיכקייט האָבן זיי רעאַגירט אויף יעדן ציטער, אויף יעדן שאָקל פון אַפּאַראַט.

זיי זענען נאָך געווען רויק און אויטאָמאַטיש זיכער, אין דער צייט, ווען אין באַוווּסטזיין פון זייער באַלעבאָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַריינצורייסן אומזיכערקייט און אומרויקייט.

גיליאָמע האָט זיך דענערווירט. ער האָט פאַר זיך גופא זיך נישט געוואָלט מודה זיין אין דעם. אַן אימהדיק געפיל פון בלינדקייט און אומבאַהאָלפנקייט האָט אָנגעהויבן צו דריקן זיינע נערוון מיט אַ שווער פּרעסן. עס האָט זיך אים אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז ס׳דערנענטערט זיך אַן אומבאַוואוסטע, אָבער אומפאַרמיידלעכע סכנה. אַרום אים זענען נישט געווען נישט קיין האָריזאָנט, נישט קיין אָריענטאַציע-געגנשטאַנדן.

אַ מעטר ווייט פון זיינע אויגן האָט זיך געוואָרפן מיט ווייסע פּאַסמעס די נישט דורכדרינגבאַרע פּוכיקע ווייסקייט. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן דאָס געפיל פון רוים.

מאָמענטנווייז האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער אַעראָפּלאַן פאַלט, בייגט זיך אָן אויף אַ זייט, אַז די הייך פון סופיט פאַלט קאַטאַסטראָפאַל, און ער פלעגט האַסטיק אַ הייב טון די מאַשין אַרויפצוצו.

ער האָט אָנגעהויבן פילן עפּעס שרעקלעכס — ער האָט אויפגעהערט אָנצוטרויען די אָנווייזונגען פון די מכשירים. דער אַלטימעטער האָט געוויזן דורכשניטלעכע הייך איבערן ים אַנדערהאַלבן הונדערט מעטער, דער קרענאָמעטער האָט מיט זיין ווייזער

באַרויקנדיק געשריגן, אַז דער אַפּאַראַט גייט האָריזאָנטאַל, נישט אַפּווייכנדיק אין די וואַקלענישן פון די נאָרמאַלע גרענעצן.

אָבער גיליאָמע האָט נישט געגלייבט דעמדאָזיקן גוטן מצב. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער אים שטענדיק פּאָלגעווידיקער אילומינירטער פויגל האָט זיך צעבונטעוועט, אַז ס'האָט דערוואַכט אין אים דער גייסט פון חוצפּהדיקן און געפערלעכן בונט, אַז ער פאַלט אייליק אין לופט-תהום, לייגנדיק זיך אַזוי אויף דער זייט, אַז ס'איז אים אוממעגלעך געווען אויסצוגלייכן.

ער האָט דערפילט מיט שרעק, אַז עס ציטערן ביי אים די הענט און דאָס האַרץ קלאַפּט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט און קראַפט, הודיענדיק ווי אַ מאָטאָר.

אַן אייזיקער און קלעביקער שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין שטערן, אונטער דער קאַלטער לעדער פון העלם.

דאָס באַוואוסטזיין איז פאַרטונקלט געוואָרן און האָט אים פאַרראַטן, אַזוי ווי אין דעם שטיקנדיקן געוועב פון נעפּל, מיט וועלכן ער האָט געאָטעמט, זאָל זיין צעגומען אַ סם, וואָס ברענט און טראָגט משוגעת.

ער האָט אויפגעהויבן פון רודער די רעכטע האַנט, אַראָפּגעוואָרפן די הענטשקע און אָפּגעווישט דעם שטערן פון די שוויסטראָפּנס מיט אַזאַ עקל, ווי ער וואָלט זיך געוועסט צוגערירט צום קאַלטן און קלעביקן קערפּער פון אַ זשאַבע.

אין דער זעלבער רגע האָט ער דערפילט, אַז דער הידראָפּלאַן, אַראָפּלאָזנדיק זיך אין אַ גרוב, איז אומגעפאַלן אויף דער רעכטער זייט.

אינסטינקטיוו, מיט אַ געוואוינטער און פעסטער באַוועגונג, האָט ער אַ ריס געטון די הויבשטאַנגען צו ריכטן די עלעראָנען, כדי צו לייגן דעם אַפּאַראַט לינקס און אויסצוגלייכן אים. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך זיינע פאַרטונקלטע און אומבאַוואוסטזיניקע שוואַרץ-אַפּלען אָנגעשפּאַרט אין ווייזער פון קרעגאָמעטר. אין מאָמענט פון ריס איז דער ווייזער געשטאַנען פונקט אינמיטן, ווייזנדיק אַ פולקאָם ריכטיקע האָריזאָנטאַלע לאַגע.

אָבער ער האָט שוין נישט געקאָנט פאַרריכטן דעם פעלער, אפילו ווען ער זאָל אין דעם מאָמענט גלייבן דעם מכשיר.

דער ווייזער האָט אַ ציטער געטון, זיך שטורמיש געוואָרפן רעכטס, דער הידראָפּלאַן האָט זיך אַ לייג געטון אויפן לינקן פליגל, און ס'האָט אַ שליידער געטון גיליאַמען אויף דעם קאַבינע־ווענטל. פון שטויס האָט זיך, ווי אין אַ סיגנאַל פון אומגליק, אָנגעצונדן אין זיין מוח אַ גלייכמעסיק און פאַרבלענדנדיק ליכט. ער האָט אַ געשריי געטון און אַ ריס געטון די הייבשטאַנגען פון די עלעראָנען אין דער קעגנזעצלעכער ריכטונג. דער הידראָפּלאַן האָט אַ ציטער געטון, אָבער זיך נישט אויסגעגלייכט.

גיליאַמע האָט נישט געזען, ווי הינטער אים איז דאָקטאָר עריקסען, אַן אַרויסגעוואָרפענער פון פאָטעל, מיט זיין גאַנצער שווערקייט אַרויפגעפאַלן אויף מאַדלען. ער האָט נישט געזען, אַז אויך דער ז י ג ע ר האָט פּראָבירט זיך אַ שטעל טון און איז אויך אומגעפאַלן אויף דעם ווענטל פון דער קאַבינע.

מיט דער לעצטער ווילנס־אָנשטרענגונג האָט ער אויסגעשלאָגן דעם מאַגנעטאָ און אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר. דער ווינט און עפּעס אַ קלינגענדיקע, ווילדע משוגענע מוזיק האָבן געפייפט ביי אים אין די אויערן, און ס'האָט אים אויסגעוויזן, אַז דידאָזיקע מוזיק דויערט אויסערגעוויינלעך לאַנג. ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרוואונדערן זיך צוליב דעם. אַ שאַרפער שניידנדיקער קנאַל האָט אַ דינער געטון אונטער זיינע פיס, און אַ נייער שטויס האָט אים אַ שליידער געטון אויפן צווייטן קאַבינע־ווענטל. מיט דער שווערקייט פון זיין קערפער האָט ער צעבראָכן די הייבשטאַנגען און צעריסן די דראָטן.

גרינע פונקען האָבן זיך צעפינקלט אונטער זיינע אויגן־לעפלעך. ער האָט דערהערט אַ צווייטן הילכיקן קנאַל

פון דער פייכטער וואַטע פון נעפּל האָט זיך אין דער צעבראָכענער שויב פון דאַשעק אַ וואָרף געטון אויף אים עפּעס אַ בלויע, געשוואָלענע, ווי זשעלע זיך טרייסלדיקע, מאָרדע און אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ מיט ווייכע סניליענדיקע קינבאַקן,

ער האָט נישט געקאָנט אָטעמען, ער האָט זיך פאַר־
כליאָבעט מיט עקלדיק קאַלט שפּייעכץ און מיט אַ שאַרטן אויס־
געשריי איז ער אַריינגעפאַלן אין דעמדאָזיקן אומענדלעכן פּיסק.

6

דער ים־האָז, וואָס האָט אַרויסגערוקט פון וואַסער, ביים
ברעג פון אַ קליין אייז־לאָך, זיין קיילעכדיקע, וואָנסיקע מאָרדע,
כדי אָן אָטעם צו טון מיט זומערדיקער לופט, אַ קוק טון אויף
דער שווייגעוודיקער ווייסער וועלט און באַווייזן זיך, איז געווען
אויסערגעוויינלעך דערשטוינט פון דעם אומגעוויינלעכן הילכן
הויך אין הימל, איבער זיין פייכטן און גלאַטן קאָפּ.

עס זענען אים באַקאַנט געווען פאַרשידענע גערוישן. ער
איז געוואוינט געווען, אַז בעת דער וואַנדערונג פון אייז־קריעס,
אָדער אין די טעג פון שטורעמס, זאָל זיך איבער די שטחים
קייקלען אַן אויער־רייסנדיק דונערן און אַ הילכן פון זיך ברעכנ־
דיקע בלוילעך־גרינלעכע שטיקער אייז, פון וועלכע עס פּלאַצן די
אויערן אפילו ביי דער צו אַלץ געוואוינטער ים־חיה.

ער האָט אויך געוואוסט, אַז ווען אין דער אייז־מדינה הייבט
זיך אָן אַזאַ מין מוזיק. — דאַרפן ים־הינט, ים־פערד, ים־לייבן
און די איבעריקע באַשעפענישן אַראָפּטויכן וואָס נידעריקער און
דאָרט איבערוואַרטן עס זאָל זיך ענדיקן דאָס ווילדעווען, ווייל
די זיך צורוקנדיקע קריעס קענען אַזוי צערייבן דעם צווישן זיי
אַריינגעפאַלענעם, נישט געשיקטן חיהשן קערפּער, אַז עס זאָלן
קיין ביינדעלעך אפילו נישט בלייבן.

אָבער דער געקנאַל און דאָס הילכן זענען געווען נישט־
רעגלמעסיק, האָבן נישט געהאַט קיין שום ריטם. און דאָס קלינ־
גענדיקע הילכן איבער זיין קאָפּ איז געווען רעגלמעסיק, זינגעוו־
דיק, ריטמיש, נאָך נישט געהערט אין דידאָזיקע געביטן.

און נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָסדאָזיקע הילכן האָט
געקאָנט באַהאַלטן אין זיך אַ נאָך מער אומדערהערטע און אַ נאָך
שרעקלעכערע פון אַלע געפאַרן, וועלכע דאָס לעבן האָט געהאַט

צוגעגרייט פאַרן יונגן ים-האָז, — האָט דאָך די נייגיריקייט באַצוואונגען אין אים אַלע איבעריקע פאַרלאַנגען.

ער האָט זיך אַזש ארויפגעקאַראַטשקעט אויפן אייז, פאַרריסן אין דער הייך די וואָנסעס, געעפנט דאָס ראָזע מויל און זיך צעפּישטשעט פון אויפרעגונג, פאָכענדיק מיט די שווים-פעדערן. דאָס הילכן האָט זיך דערנענטערט און איז געוואַקסן, ס'האָט שוין פון אים אָנגעהויבן קלינגען אין גאַנצן קערפּער און דער האָז האָט זיך פאַרזיכטיק צוריקגערוקט אויפן סאַמע ראַנד פון אייז-לאָך, כּדי צו האָבן אונטער דער זייט די אויסלייזנדיקע שוואַרצע טיפעניש.

אָבער דאָס וואַיענדיקע הילכן האָט זיך אָפּגעריסן, פאַרביטן דורך אַ פּלוצלינגן און שרעקעדיקן שווייגן.

גלייך נאָכדעם האָט זיך צעריסן דער פייכטער וואָלקן, וואָס האָט זיך געצויגן איבערן אייז, און פון אים האָט זיך אויף דער אומגעריכטס-געפּאַקטער חיה אַ לאָז געטון, פאָכענדיק מיט אַ פליגל, אַ ריזיקער שרעקלעכער פויגל.

דער האָז האָט זיך צעיאָמערט און פאַרצווייפלט זיך אַ וואָרף געטון צום וואַסער. ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר פאַרלוירן אין שנאָבל פון דעם פאַרזעעניש, אָבער טויכנדיק, האָט ער באַוויזן צו באַמערקן, אַז דער פויגל האָט זיך אין פליען פאַרטשעפּעט מיטן פליגל פאַרן ראַנד פון אַ הויכן אייז-פעלז פאַרן אייז-לאָך, זיך איבערגעקערט, דער פליגל איז אָפּגעפלויגן אין אַ זייט, און דער פויגל גופא האָט זיך מיט אַ קלינגענדיק קנאַלן אַראָפּגעקנאַקט און זיך אָנגעהויבן צו קייקלען איבערן אייז מיט די לאַפּעס אַרויף.

אַראָפּלאָזנדיק זיך גענוג טיף, האָט זיך דער ים-האָז באַרויִקט און אָנגעהויבן נאָכצוקלערן. ער איז נאָך געווען יונג, אָבער די לעבנס-דערפאַרונג האָט אים שוין געקאָנט אונטערזאָגן, אַז אַ פויגל, וועלכער פאַרלירט ביים אָנפאַלן אַ פליגל און קייקלט זיך מיט דער פלייצע אויף דער ערד, דאָס איז אָדער אַ קראַנקער אָדער אַ טויטער פויגל.

און באַוועגנדיק אומגעדולדיק מיט די שווים-פעדערן, האָט

ער נישט איילנדיק ווידער אויפגעהויבן זיך אויף דער אויבער־פלאך פון אייז־לאך.

דאס ערשטע, וואס ער האט דערזעען, איז געווען א מאד־נער געגנשטאנד, א גרינער, מיט ווייסע שטרייפעלעך, וואס האט זיך געוויגט הארט לעבן אים אויף די דראבנע וואסער־כוואליעס. דער געגנשטאנד איז געהען אומבאוועגלעך און באשיינפערלעך טויט. דער האז איז פארזיכטיק צוגעשוואומען צו אים, האט ארומ־געשמעקט און א שטופ געטון מיט דער מארדע די באפארבטע זייט פון געגנשטאנד.

ער האט דערהערט א לייכטן, פוסטן אפקלאנג, פארשטאנען, אז דער געגנשטאנד שטעלט מיט זיך נישט גאר קיין באזונדערן אינטערעס, און זיך ארומגעקוקט אין די זייטן.

דער פויגל איז געלעגן ווי פריער, מיט די פיס ארויף, אויף איינעם פון זיי איז מיט א זייט געהאנגען פונקט אזא גרינער, ווייס־געשטרייפטער געגנשטאנד, ווי יענער, וועלכער האט זיך געוויגט אין וואסער. דער האז איז ארויסגעקראכן אויף אן אייז־קריע און, געפרעסן פון נייגיריקייט, האט ער אנגעהויבן הינקען צו אים.

ער האט נאך אבער נישט באוויזן דורכצוקריכן א העלפט פון וועג, ווי אין דער זייט פון טויטן פויגל האט זיך געעפנט א שמאל לאך און פון אים איז ארויסגעפאלן א זיך רירנדיקער פוטערנער קויק. דער האז האט זיך איבערגעקערט און שנעל, אויף וויפיל ס'האבן אים דערלויבט די שווים־פעדערן, האט ער זיך א לאז געטון צום וואסער, האט זיך א ווארף געטון אין אים מיט א פאנטאן פון וואסערשטויב און זיך באהאלטן, כדי מער זיך נישט צו ווייזן.

דער זיך רירנדיקער פוטערנער קויק, מאדנער און אויסטער־לישער, — דאס איז שוין געווען צופיל פאר דער רויקער חיה.

דער פוטערנער קויק האט זיך לאנג קאראטשקעט אויפן אייז. פרווונדיק זיך אויפהייבן. ענדלעך האט ער זיך אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג און איז א געוויסע צייט געלעגן אומבאוועגלעך.

אבער נאכדעם האט ער זיך ווידער אנגעהויבן באוועגן, גיליאמע — דאס איז געווען ער — האט א סקראבע געטון מיט די פינגער איבערן אייז און א קרעכץ געטון. דאס קאלטע אנ־

רירן פון אייז האָט אים אָפּגעמינטערט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. — אויפן אייז איז געבליבן אַ ברייטער שטאַרק־ראָזער פלעק אין יענעם אָרט, וואו ס'האָט זיך צוגעדריקט צו אים די צעשפּאָלטענע באַק, — האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און זיך שווער אויפגעשטעלט אין דער גאַנצער גרייס.

דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט און געקלונגען ווי אַ גלאָק. ער האָט געמאַכט עטלעכע וואַקלענדיקע טריט און זיך אָנגעשפּאַרט אָן קאָרפּוס פון הידראָפּלאַן. ער האָט געכאַפּט אַ שטיקל געפרוירן שניי און האָט עס אָנגעהויבן זייגן מיט ציטערדיקע ווייסע ליפּן.

פון די שטעכיקע שניי־בריען איז זיין באַוואוסטזיין ביסלעכווייז קלאָר געוואָרן. ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם שניי, אַרויסגענומען פון בוזים אַ נאָזטיכל און אָפּגעווישט די באַק, איבער וועלכער ס'איז גערונען בלוט.

אין דערדאָזיקער מינוט האָט ער ערשט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אָפּגעגעבן זיך אַ דין וחשבון וועגן דעם, אַז ס'איז געשען אַן אומגליק, און ער האָט מיט שווידער אַ קוק געטון אין טונקעלן רוים הינטער דעם אויסגעקרימטן און פון קלאַפּ צעדרייטן טירל פון דער גאָנדאָלע. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן אַריינגיין אַהין, פון וואַנעט ער האָט זיך אומבאַוואוסטזיניק, מיט אַן אינסטינקטיווער עקשנות פון אַ מענטש, וואָס קומט אום, געקאָנט אַרויסבאַקומען. אים איז געוואָרן שרעקלעך, וואָס דאָרט איז מער ניטאָ קיין לעבן.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן די מענטשן, וועלכע האָבן זייער לעבן אָנגעטרויט זיין דערפאַרונג און זיינע קענטעניש, און ער האָט ווידער אַ קרעכץ געטון. און אַזוי ווי אַלס ענטפער אויפן דאָזיקן קרעכץ, האָט זיך פון דער גאָנדאָלע דערהערט אַ קול, וואָס האָט אים שטיל גערופן, דאָס קול פון ז י ג ע ר, וועלכן ער האָט דערקענט פון ערשטן קלאַנג.

— גיליאָמע, איר לעבט? העלפט אַרויסטראָגן אין דרויסן די פרוי און דעם דאָקטאָר.

גיליאָמע האָט זיך אַ ריס געטון אויפן רוף. די שוואַכקייט

און שרעק זענען תיכף אנטשוויגן געוואָרן אין אים. ער האָט איצט געוואוסט, אַז מ׳דאַרף אַרבעטן, נאָר אַרבעטן, גאָרנישט נישט רעדנדיק און וועגן גאָרנישט נישט פרעגנדיק. זיין גאַנצער קערפּער האָט אומדערטרעגלעך וויי געטון און האָט זיך אויסגעוויזן צעבראָכן אויף פּיק־פּיצלעך, אָבער ער איז אַריינגעשפּרונגען אין דער גאָנדאָלע מיט יינגלשער לייכטקייט.

אין דער טונקלקייט פון דער אומגעקערטער און צעקוועטשטער קאַבינע האָט ער געטראָפן דאָס רויקע טליען פון קאָכעדיקן אַש אונטער די שווערע ברעמען.

— איך בין, דאַכט זיך, פולשטענדיק גאַנץ, — האָט געענטפערט דער זיגער אויף דעם פליערס פרעגעוודיקן קוק. — באַקומען לייכטע קלעפּ און אויפטרייסלונג. זי האָט אויך, ווייזט אויס, נישט קיין שווערע שעדיקונגען, — האָט ער אָנגעוויזן אויף מאַדלענס קערפּער, וואָס איז געלעגן אויף זיינע קני. — ערגער פאַר אַלץ איז מיטן אָרימען עריקסען. לויט דער אויבערפלעכלעכער אונטערזוכונג זענען ביי אים איבערגעבראָכן ביידע שענקלען. נעמט אייער פריינדין, איך וועל זיך פאַרנעמען מיט אים.

גיליאָמע האָט איבערגענומען אויף די הענט מאַדלענס לייכטן קערפּער און האָט זיך פאָרזיכטיק אַרויסבאַקומען מיט אים פון דער גאָנדאָלע אויפן אייז. ער האָט זי אוועקגעלייגט און האָט געאיילט צו הילף דעם זיגער. ביידע האָבן מיט מיאויפגעהויבן דעם גרויסן שווערן עריקסען — ער איז אויך געווען אָן באַוואוסטזיין — און האָבן אים אַראָפּגעלאָזט לעבן מאַדלען.

דער זיגער האָט אָפּגעשפּיליעט דאָס טעשל מיט דעם וועג־אַפּטייקל. ער האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף גיליאָמע, וועלכער האָט זיך איינגעבויגן איבער מאַדלען און אומרויִק געקוקט אין דער פרויס ווייס־געוואָרענעם פנים, און האָט שטיל און פאַרוואונדערט געזאָגט:

— ווי־זשע איז דאָס געשען?

גיליאָמע האָט זיך אויסגעגלייכט. דאָס בלוט האָט זיך הילכיק צערוישט אין אים, ער איז רויט געוואָרן און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— כ'ווייס נישט, — האָט ער געענטפערט נאָך אַ פּויזע — כ'קאָן נישט פאַרשטיין... דאָס ערשטע מאָל איז עס מיט מיר... אָבער דאָס איז געווען שטאַרקער פאַר מיר... כ'האָב דעם קאָפּ פאַרלוירן אין דעמדאָזיקן פאַרשאָלטענעם נעפּל... מיר האָט זיך אויסגעוויזן... אויסגעוויזן, אַז דער אַפּאַראַט פאַלט... איר פאַרשטייט... איך האָב נישט געגלייבט דעם קרענאָמעטער און כ'האָב געבויגן דעם אַפּאַראַט... אָבער, דאָס איז נישט קיין פאַרטיידיקונג, איך פאַרשטיי מיין פאַרברעכן... איך וועל קאָנען ענטפערן פאַר אים. — זיין קול האָט אָנגעהויבן צו ציטערן און זיך אָפּהאַקן.

דער ז י ג ע ר האָט געמאַכט אַ טריט צו אים און האָט אַוועקגעלייגט די פּוטערנע האַנט אויפן פליערס אַקסל.

— לאָזט צורו, — האָט ער געזאָגט באַפעלעריש און אייג-צייטיק מילד. — זאָל מער דערפון קיין רייד נישט זיין. אַ פאַר-ברעכן? נאַרישקייטן! אויב אַזוי, בין איך דער הויפּטפאַרברעכער, וואָס האָט אייך מיטגעצויגן אין דער געפערלעכער רייזע. קיין איין וואָרט נישט מער וועגן שולד. קיינער וועט זיך קיינמאָל נישט דערוועגן אייך פאַרצוואַרפן. נעמט, — גיט אייער פריינדין אַ שמעק צו טון. נאָכדעם וועלן מיר איר געבן אַ טרונק ראָם.

ער האָט געגעבן דעם פליער אַ פלעשעלע אַמאָניאַק און אַליין האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר עריקסענען, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן מיטן פּנים אַרויף.

גיליאָמע האָט, בייסנדיק די ליפּן און ציטערנדיק פון אויפ-רעגונג, געעפנט דאָס פלעשל און עס צוגעטראָגן צו מאַדלענס פּנים. אירע נאָז-פליגלען האָבן אַ ציטער געטון, דאָס מויל האָט זיך אויסגעקרימט, זי האָט אַ כליפּע געטון, נאָכאַמאָל אַ זיפץ גע-טון. די וויעס האָבן זיך צענומען מיט אָנשטרענגונג און גיליאָמע האָט אַ זיפץ געטון, דערזעענדיק די מוטנע אויגן-אַפּלען, אַזוי נישט ענלעך צום העלן און קלאָרן בליק פון זיין פריינדין.

— מאַדלען... מאַדלען... מיין ברעקעלע, — האָט ער נישט אָנטשלאָסן אַ רוף געטאָן, צוהאַלטנדיק איר קאָפּ.

אַ לייכטער וואַרעמער פונק האָט אַ שמעק געטון אין דער

טיפעניש פון די אויגן. מאדלען האט ווידער א כליפע געטון, אירע ליפן האבן זיך פיינלעך צעקרימט און גיליאמע האט דער־הערט א הייזעריק שעפטשען:

— אלפרעד... וואס איז מיט אונז? וואו? דו לעבסט, אלפרעד? ס'טוט מיר וויי... ס'טוט מיר זייער וויי. כ'וויל אהיים.

גיליאמע האט מיטן כוח פון יאוש א דריק געטון איר האנט.

— ליג! ליג, מאדלען! רויק! האב נישט קיין מורא, מיר וועלן פארן אהיים. וואו טוט דיר וויי? זאג.

— אלץ טוט וויי, — האט זי א שעפטשע געטון, אראפלאזנדיק זיך.

גיליאמע האט אויף גיך ארומגעטאפט אירע הענט און פיס — זיי זענען געווען גאנץ. ער האט אפגעשפיליעט דעם פעלץ, אונטערזוכט די פלייצע און דעם ברוסטקאסטן און זיך איבערצייגט, אז די ריפן און דער חוט־השדרה האבן אויך נישט געליטן. ער האט ווידער פארשפיליעט איר פוטער, איז צוגעגאנגען צו דער מאשין, ארויסגעצויגן פון דער גאנדאלע א קישעלע, אויף וועלכן מ'זיצט, און אונטערגעלייגט אונטער מאדלענס קאפ.

דא האט אים דער ז י ג ע ר א רוף געטון:

— ער וועט באלד קומען צו זיך, — האט ער געזאגט, אנווייזנדיק אויף עריקסענען. — מ'דארף איינפאסן די שענקלען אין ברעטלעך. נעמט א מעסער, צעשפאלט א ליושע.

גיליאמע האט גענומען דאס דערלאנגטע מעסער, האט ארויסגעצויגן א ליושע און זיך גענומען צו דער ארבעט. דער ז י ג ע ר האט אראפגעצויגן פון עריקסענס פיס די פוטערנע שטיוול און די הויזן און פארפעסטיקט מיט באנדאזשן די שטיקלעך ליושע, וואס דער פליער האט געשניטן. עריקסען האט, נישט עפענענדיק די אויגן, געקרעכצט.

ארויפגעלייגט די ברעטלעך, איז דער ז י ג ע ר אויפגעשטאנען.

— ברענגט אַ דעקע. טוליעט אים איין די פיס, — האָט ער באַפוילן.

גיליאַמע האָט צוגענומען אַ דעקע און ביידע האָבן זאָרגעוודיק אַרומגעוויקלט דעם דאָקטאָרס צעבראָכענע שענקלען. דער ז י ג ע ר האָט אונטערגעהאַלטן גיליאַמען, וועלכער האָט זיך אַ וואַקל געטון.

— לאָזט, כ׳וועל אייך באַנדאַזשירן, — האָט ער געזאָגט, — ביי אייך איז די גאַנצע באַק צעריסן.

גיליאַמע האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. עפּעס אַ דראַפּ האָט אים אויסגעזעצן נישט וויכטיק אין פאַרגלייך מיט דאָקטאָר עריקסענס צעבראָכענע פיס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און פלוצלונג אויסגעשריגן:

— און וואו איז שטראָל?

דער ז י ג ע ר האָט אויך זיך אַרומגעקוקט פאַרלוירן. ביידע האָבן זיך אויף אַ ווײַלע הייטיקדיק פאַרשעמט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געקאָנט פאַרגעסן וועגן מעכאַניקער. גיליאַמע האָט זיך דער ערשטער אַ לאָז געטון צום צעבראָכענעם מאַשין-קאָרפּוס און איז אַרומגעלאָפן אַרום אים.

דער ז י ג ע ר האָט דערהערט זיין מאָדנע פאַרטויבט און אָפגעהאַקט געשריי:

— אָ, גאָט מיינער... ער איז דאָ... העלפט.

אין מאָמענט פון דער קאַטאַסטראָפע האָט זיך וואַלטער שטראָל אויפגעהויבן אין דער מאָטאָרן-גאָנדאָלע. דאָס פאַלן האָט אים געפּאַקט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך איבער דער ברוסט אַריינגעשטופּט אין דעם שמאָלן שפּאַלט צווישן ביידע מאָטאָרן, און איינער פון זיי, אַראָפּגעריסן פון אָרט דורך דער אויפטרייסלונג, האָט מיט זיין גאַנצער שווערקייט צוגעדריקט דעם מעכאַניקערס קערפּער צו צווייטן.

פון דער גאָנדאָלע האָט זיך אַרויסגעזען בלויז די אונטערשטע טייל פון וואַלטער שטראָלס קערפּער. זיינע פיס, אונטערגעבויגענע און אומבאַהעגלעכע, זענען טויט געלעגן אויפן פּאָזעלאָוש.

— אַ האַק, — האָט אָפּגעהאַקט אַ געשריי געטון דער ז י ג ע ר צום בלאַסן גיליאַמע.

כאַפּנדיק די דערלאַנגטע האַק, האָט ער אָנגעהויבן צו האַקן די אַליומיניענע הילע פון דער גאָנדאָלע, בעת גיליאַמע האָט אָפּגעבויגן די צעהאַקטע בויגנס אַליומיניום. ענדלעך האָבן זיי דערזען שטראַלס בלוי־שוואַרץ פּנים, אָנגעגאָסן מיט בלוט, מיט די ארויסגעקראָכענע טויטע קוילן פון די ווייסלען.

גיליאַמע האָט אויפגעציטערט און זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט דער האַנט.

— דעם מאָטאָר!... רוקט אָפּ דעם מאָטאָר, — האָט אַ געשריי געטון אויף אים דער ז י ג ע ר, און גיליאַמע, וועלכער האָט זיך באַהערשט, האָט זיך איינגעקלאַמערט אין די קאַנטן פון מאָטאָר. נאָך לאַנגע באַמיִונגען איז זיי געלונגען אָפּצורוקן אין אַ זייט די שווערע מעטאַלענע מאַסע און צו באַפרייען דעם צוגעקלעמטן קערפּער. אַזוי ווי אַ זאַק האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן אייז.

— נאָך אַלעמען! — האָט געזאָגט גיליאַמע.

דער ז י ג ע ר האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער וואַלטער שטראַלן מיט פּונקט אַזאַ שטרענגער זאָרגעוודיקייט ווי איבער עריקסענען. ער האָט גענומען די שווער אַראָפּהענגענדיקע האַנט פון מעכאַניקער און אָנגעטאַפּט דעם פּולס. גיליאַמע, וועלכער האָט וועגן אַלץ פאַרגעסן, איז געוואָרן פאַרגליווערט, אָן אַ באַוועגונג.

— דער פּולס איז דאָ. זייער אַ שוואַכער. גיט ראָם, — האָט ער דערהערט אַ רויקן באַפעל, אַ באַפעל פון אַ פירער, און נישט ווילנדיק, דערשטוינט פון דער קאַלטבלוטיקייט און דעם ווילן פון דעם דאָזיקן אַלטן מידן מענטש, האָט ער אויסגעפירט דעם באַפעל.

דער ז י ג ע ר האָט מיט אַ מעסער געעפנט שטראַלס ציין און האָט טראָפּנווייז אַריינגעגאָסן ראָם. דעם מעכאַניקערס קערפּער האָט אויפגעצאַפּלט, ער האָט זיך פאַרכליניעט און פון זיין מויל האָט זיך צוזאַמען מיטן הוסטן אַ גאַס געטון אַ שווע-

רע געדיכטע און שוואַרצע כוואַליע בלוט אויפן חייסן הירשן־פוטער פון פעלץ.

— האָפּנונגסלאָז, — האָט געזאָגט דער ז י ג ע ר. — דורכגעבראָכן דער ברוסטקאַסטן. ער קען לעבן נאָך אַ האַלבע שעה, אַ שעה. ס׳איז אפשר אבזורדיתדיק צו וועקן אים, אָבער מ׳דאַרף זיך דערוויסן ביים אומגליקלעכן, ווען וואָלט ער געוואָלט שיקן זיין לעצטן גרוס. העלפט אים אַריבערטראָגן צו די איבעריקע.

זיי האָבן אויפגעהויבן וואַלטער שטראַלן און אים אַוועקטראָגן דאָרט, וואו עס זענען געלעגן דאָקטאָר עריקסען און מאַדלען.

ווען זיי האָבן אַרומגעבויגן דעם קאָרפּוס פון הידראָפּלאַן, האָבן זיי דערזען, אַז איינע פון די איבערגעלאָזטע פיגורן האָט זיך אויפגעהויבן און איבערגעבויגן איבער דער אַנדערער.

דאָקטאָר עריקסען האָט שווער און צעצויגן געקרעכצט. זיינע אויגן־לעפּלעך זענען געווען אַראָפּגעלאָזט אַזוי ווי פריער און אויף זיין שטערן איז ווייך געלעגן מאַדלענס באַרויקנדיקע האַנט.

— ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן... ער האָט גערעדט פון הייך, — האָט זי מיט אַ שולדיקן שמייכל געזאָגט צו די אָנקומענדיקע. — כ׳האָב אים נישט געקאָנט דערלויבן זיך אויפצוהייבן.

— מאַדלען, מיין קליינע. ליג. דו טאָרסט נאָך אויך נישט אויפשטיין, — האָט זיך באַאומרויקט גיליאַמע.

אָבער זי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— ניין, ניין, אַלפרעד. מיר טוט שוין נישט וויי. איך האָב נאָר אַ קליינע קאָפּ־שווינדלונג. איך וועל אייך העלפן... — זי האָט פּלוצלינג באַמערקט אַ שטראָם בלוט אויף שטראַלס בגדים, זי האָט זיך אויפגעשטעלט, און אירע אויגן־ברעמען האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. — ער איז געשטאָרבן? — האָט זי געפרעגט קוים צו הערן.

— נאָך נישט. אָבער ער שטאַרבט.

זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער שטראָלן און מיט אַן אומעבדלעך צאַרטער און אינסטינקטיווער באַוועגונג פֿון אַ פֿרוי האָט זי מיטן אַרבל אָפּגעווישט דאָס בלוט פֿון מעכאַניקערס ליפּן. און אַזוי ווי פֿון מילדן שטראָם פֿון דערדאַזיקער באַרירונג, האָט וואָלטער שטראָל געעפֿנט די אויגן און מיט אַ מאָדנעם ליידיקן בליק האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אין ז י ג ע ר ס געשטאַלט.

זיינע ליפּן האָבן זיך צענומען און מיט אַ כריפּען און מיט אַ נייעם שטראָם בלוט האָבן זיך פֿון זיי אַרויסגעקוועטשט אומקלאָרע קלאַנגען. צוויי מענער און אַ פֿרוי האָבן זיך איבערגעבויגן איבער אים.

ענדלעך האָבן זיי מיט מי פֿונאַנדערגעקליבן די ווערטער און דערשיטערטע זיך איבערגעקוקט.

וואָלטער שטראָל האָט, פֿאַרכליניענדיק זיך מיט בלוט, זיך שטיקנדיק געבעטן באַשטעטיקן דער פֿירמע, אַז די קאַטאַסטראָפֿע איז פֿאָרגעקומען נישט צוליב דער שולד פֿון די מאָטאָרן, אַז די מאָטאָרן האָבן ביז דער לעצטער סעקונדע געאַרבעט אויסבעצייכנט.

דער ז י ג ע ר האָט ווייך געזאָגט צום שטאַרבנדיקן:

— מ'דאַרף נישט טראַכטן וועגן דעם. מיר ווייסן, אַז די מאָטאָרן זענען נישט שולדיק. איר דאַרפֿט זיך אָפּרוען.

וואָלטער שטראָל האָט זיך איינגאַנצן אויסגעקרימט אין אַ נעבעכדיקן און שרעקלעכן שמייכל. ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן, און זיין כריפּען איז מיט יעדער סעקונדע געוואָרן קלאָרער און ריינער, ווי ס'טרעפֿט אָפֿט ביי שטאַרבנדיקע.

— מיר לוינט נישט... רוען... איך ווייס... ס'איז מיין סוף... איך בעט... צונויפֿשטעלן אַן אַקט פֿאַר דער פֿירמע... איך האָב לאַנג געדינט... הערלעך... מיר ווילט זיך נישט... אַז דער הער דירעקטאָר... זאָל טראַכטן שלעכטס וועגן מיר... איך בעט אייך... אַן אַקט.

גיליאָמע און דער ז י ג ע ר האָבן זיך איבערגעקוקט. דער פֿליער האָט דערזעען, ווי ביים ז י ג ע ר ווערט דאָס

װינקל פון מויל אויסגעקרימט דורך א קורטש. ער האָט צעשפּ־ליעט דאָס אָנצוג און אַרויסגענומען א בלאַנקנאָט.

— גוט, טייערער. באַרויקט זיך. מיר װעלן אָנשרייבן.

ער האָט אָנגעהויבן שנעל צו שרייבן מיט דער בלײַפעדער. גיליאָמע, אַן אָנגעכמורעטער, האָט זיך אָפּגעקערט. מאַדלען האָט אונטערגעהאַלטן שטראַלס שװער־װערנדיקן קאָפּ און זיך גישט אָפּגעריסן פון דעם בלוטיקן ריטשקעלע, װאָס האָט זיך געצויגן פון זײַן מויל, װישנדיק עס די גאַנצע צייט מיטן אַרבל.

דער ז י ג ע ר האָט געענדיקט שרייבן און זיך איינ־געבויגן איבערן מעכאַניקער.

— הערט אויס...

שטראַל, מאַט װערנדיק, האָט אויסגעהערט די עטלעכע שורות, װעלכע האָבן באַשטעטיקט, אַז די מאָטאָרן פון הידראָ־פּלאַן האָבן ביז דער לעצטער מינוט געאַרבעט אָן דער מינדסטער שטערונג און האָבן אַרויסגעװיזן אויסערגעװיינלעכע אייגנשאַפטן.

— שרייבט אונטער, — האָט אַרויסגערעדט שטראַל.

דער ז י ג ע ר האָט זיך אונטערגעשריבן און האָט אי־בערגעגעבן גיליאָמען דעם בלאַנקנאָט.

יענער האָט זיך אויך אונטערגעשריבן.

װאַלטער שטראַל האָט מיט מי אויפגעהויבן א דורכזיכטי־קע האַנט, אויסגעשמירט מיט אייל. דער ז י ג ע ר האָט פאַר־שטאַנען דידאָזיקע באַװעגונג, האָט אַרײַנגעלייגט אין דידאָ־זיקע שוין טויטע פינגער א בלײַפעדער און האָט אוועקגעשטעלט דעם בלאַנקנאָט.

מיט די לעצטע כוחות האָט װאַלטער שטראַל אונטערגע־שריבן אונטערן אַקט מיט צעפּאַרענע אותיות זײַן צונאָמען און האָט אַרויסגעלאָזט די בלײַפעדער.

— דאַנקע שיין... — האָט ער אַרויסגערעדט. — גוט...

א נייע כװאַליע בלוט האָט א שפּריץ געטון דורך זײַנע צונויפגעדריקטע ציין. ער האָט זיך א ריס געטון, זיך אויסגע־געצויגן מיטן גאַנצן קערפּער, האָט אָנגעהויבן צו בולקען, צו

קלאפן מיט די פיס און איז געבליבן אומבאוועגלעך. מאדלען האט זיך א ווארף געגעבן אויף צוריק.

דער ז י ג ע ר האט באדעקט מיטן פוטערנעם קאפטור דאס פון שטערבלעכן קורטש אויסגעקרימטע פנים.

— די איבעריקע דארפן לעבן, — האט ער געזאגט שטרענג. — זאל די מאדאם נעמען אויף זיך די זארג וועגן דאקטאר. מיר דארפן קלאר מאכן אונזערע זאפאסן און דעם צושטאנד פון די אינסטרומענטן. גיין וועט מען דארפן לאנג און שווער.

זיי זענען אוועק צום הידראפלאן. מאדלען איז מיט וואקלענדיקע טריט, א בלאסע, צוגעגאנגען צום דאקטאר עריקסען. ער איז שוין געהאט געקומען צו זיך אוןווידער באמיט זיך אויפצוהייבן.

מאדלען האט דורך די טרערן א שמייכל געטון צו אים.

— באוועגט זיך נישט... באוועגט זיך נישט, דאקטאר. איר דארפט ליגן אומבאוועגלעך. איר וועט איצט זיין מיין גרויס בייבי און איר דארפט מיך פאלגן.

דאקטאר עריקסען האט געקוקט אויף איר מיט אנטציקונג, מיט קינדישער פארערונג. ער איז ווירקלעך ענלעך געווען צו א קראנק קינד.

— וואס איז מיט מיר, פרוי? — האט ער געפ . — וואס איז מיט מיינע פיס? באהאלט נישט דעם אמת פון מיר. וואס איז איבערהויפט געשען? כ׳געדענק גארנישט, נאר דעם ערשטן שטויס... כ׳דארף בעטן ביי אייך אנטשולדיקונג, פרוי, איך האב אייך, זיכער, א קלאפ געטון, אבער כ׳האב נישט געקאנט זיך איינהאלטן...

און דאקטאר עריקסען איז רויט געווארן.

— מיר זענען אראפגעפאלן, — האט געענטפערט מאדלען, א דערשטוינטע, וואס דאסדאזיקע גרויסע קינד מיט די צעקאליעטשעטע פיס קאן זיך נאך אנטשולדיקן פאר א נישט ווילנדיקן שטויס, — מיר זענען זייער שלעכט אראפגעפאלן. איך פארשטיי נאך איצט גארנישט. אבער מיר זענען אליין און — אויף

אייז. די מאַשין איז צעבראָכן. אַלפרעד, מעסיע, איך, מיר האָבן כמעט נישט געליטן. ביי איך, דאַכט זיך, זענען צעבראָכן ביידע פיס... אָבער דאָס זענען נאַרישקייטן... איר וועט זיך אויסהיילן... נאָר דער אָרימער סאַקסאָניער איז געשטאָרבן. דער מאָטאָר האָט אים צעקוועטשט די ברוסט. אָבער מיר האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן, נישט אמת? מעסיע איז אַזוי דערפאַרן אין די צפון-רייזעס. ער וועט אונז אַלעמען ראַטעווען...

אין מאָדלענס לעצטע ווערטער האָט דאָקטאָר עריקסען דערשפּירט אומרויקייט און באַהאַלטענעם יאוש. און פאַרגעסנדיק וועגן זיין ווייטיק, האָט ער געענטפערט, אויף וויפיל ער האָט געקאָנט, פריילעך.

— באַאומרויקט זיך נישט, פרוי. אין צוויי וואָכן אַרום וועלן מיר זיין אין שטוב. דאָס אַלץ איז נאַרישקייטן. ס'פאַרדריסט מיך בלויז, וואָס כ'קאָן אייך אַ ביסל שטערן מיט די צעבראָכענע פיס... צעבראָכן? דאָס איז זייער שלעכט. אָבער דאָך איז נישטאָ קיין שום געפאַר.

— מיט אייך האָב איך גאָרנישט קיין מורא, — האָט זי מיט אַ שפּאַס געענטפערט, אַרונטעררוקנדיק זיין דעקע. דאָקטאָר עריקסען האָט נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונגען און זאָרגעוודיק געזאָגט:

— טוט אָן הענטשקעס, פרוי. אין דעמדאָזיקן קלימאַט טאָר מען נישט לאָזן אָפּגעדעקט די הענט...

ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. אַ צעשמעטערנדיקע ווייטיק האָט זיך אויפגעהויבן פון די פּיסטריט צו די קני, האָט אָנגעהויבן קריכן איבער די לענדן, איבערן בויך, האָט אַ שלאָג געטון צום האַרץ. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע כוחות, כדי נישט אַ קרעכץ צו טון, נישט דערשרעקן דעם הימלישן מלאך, וואָס האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים, און פון ווייטיק און אָנשטרענגונג האָט ער ווידער פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין.

צו נאַכט-צו האָבן דער ז י ג ע ר און גיליאָמע אויפגעשטעלט אַ געצעלט, אין וועלכן זיי האָבן איבערגעטראָגן עריקסען, וואָס האָט געפּרעדט פון היץ. וואַלטער שטראַלס פאַרגלי-

װערטן קערפּער האָבן זיי צוגעשלעפּט צום אייז־לאָך, צוגעבונדן צו זיינע פיס אַ שטיקל פון צעבראָכענעם מאָטאָר און אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער.

מען האָט אָפּגעקאָכט שאָקאָלאַד אויפן פּרימוס, געגעבן טרינקען דעם קראַנקן.

די צעבראָכענע און מידע מאַדלען איז איינגעשלאָפן. זאָרגעוודיק איינגעוויקלט אין אַ שלאָפזאַק, אַזוי ווי אין אַ קאָקאָן.

דער ז י ג ע ר און גיליאַמע זענען געזעסן איינער אַנטקעגן אַנדערן ביי אַן עלעקטריש לעמפּל און האָבן שעפּטשענדיק געשמועסט.

— לויט מיין מיינונג איז ביז צו דער ערד פון פראַנץ־יאָסיף אַרום הונדערט קילאָמעטער. מאָרגן וועל איך פעסטשטעלן לויטן סעקסטאַן. דאָס אייז איז האַרט און אָן ריסן. אין געווייגלעכע פאַלן צען טעג רייזע, אָבער מיר האָבן אַ קראַנקן און אַ פרוי. הייסט עס, צוויי, צוויי אַ האַלבע וואָך. עריקסענען וועט מען מוזן שלעפּן אויף אַ שליטן. מיר וועלן נעמען מיט זיך פּראָדוקטן, אַ ביקס, אַ צענויפגעלייגט שיפל אויף איבערצושווימען איילעכער. כ׳האָב גרויס רחמנות אויף מאַדאַם, ס׳וועט איר זיין שווער. איר האָט זי נישט באַדאַרפט נעמען. אָבער, אגב, דאָס איז געווען אייער פאַרלאַנג. און איצט רוט. כ׳וועל אַרויסגיין אַ קוק טון אויפן אייז.

דער ז י ג ע ר איז אויפגעשטאַנען. ביים שוואַכן שיין פון לעמפּל האָט זיין געשטאַלט אויסגעזעען ווייער מאָגער און באַדייטנד העכער ווי ביי טאָג. די קנייטשן אויף די באַקן זענען אויך געווען טיפער און שאַרפער. אַ געבראָכענער מאָדנער שאָטן איז געפאַלן אויפן סופיט פון געצעלט.

ער האָט פאַררייכערט אַ פּייקע און איז אַרויסגעגאַנגען. גיליאַמע האָט זיך פאַרוויקלט אין זאַק.

דער ז י ג ע ר איז צוגעגאַנגען צום צעבראָכענעם צעפּעלין. ער איז אונטערגעשטאַנען לעבן אים און האָט, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, אַ גלעט געטון דעם דורכגעקוועטשטן אַלומיניום פון דער גאָנדאָלע.

ער איז אַוועק פון דער מאַשין און אַרויפגעקראָכן אויף אַ שפּיץ פון אַן אײַז-פעלז.

דער נעפּל איז זיך צעגאַנגען. אויבן זענען געשוואוּמען נישט הויכע, שיטערע וואָלקנס. דורך זיי פלעגט מאָמענטנווײַז דורכשײַנען די נידעריקע, מעש-געלע, אומבאַוועגלעכע צפון-זון, אַרומגענומען מיט אַן אַפּאַלענעם נימבוס.

אַרום איז געלעגן געדיכט אײַז, אַ פעססס, צעהויקערט פון פעלזן, אַ ווײַס׳ און אַ דושנעס. עס האָט שטיל געסקריפּעט, גע-קנאַלט, געקלונגען.

דער ז י ג ע ר איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך אויפן שפּיץ פון אײַז-פעלז און געקוקט צום דרום. ער האָט געפילט אַן אומבאַצווינגבאַרע בלײַענע מידקייט, און אַזוי ווי אַמאָל, אין די טעג פון דער קרענק, איז פון ווײַסן אײַזיקן שווײַגן אַרויסגעשוואוּמען אַ מיראַזש, אַן אַפּטהאַכנדיקער און ווילן-לײַמענדיקער.

אַ ווײַס הײַזל אויפן ברעג פון אַ שטילער בוכט און אַ צאַר-טע אַרומנעמענדיקע רויקייט פון געמיטלעכקייט און אָפּרו... ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַ זיפץ געטון. דערדאָזיקער מי-ראַזש איז געווען אַ שלעכטער סימן.

דער ז י ג ע ר האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אַזוי ווי אַפּטרײַבנדיק אַ זעונג און איז שווער אַוועק צום געצעלט.

בײַנאַכט האָט גיליאַמע געזען מאָדנע חלומות. די פּאַרי-זשער בולוואַרן אין אַפּאַלענעם פרילינגס-נעפּל האָבן געשײַנט מיטן אָפּגלאַנץ פון פײַערן. מיט אַ בינען-זשומער האָבן געשוועבט שו-רות אויטאָס, ס׳האָט געקלונגען מוזיק. פרײַלעכע מענטשן אין העלע קליידער, נישט ענלעך צו די געוויינלעכע פּאַריזשאַנער, זע-פּאַרבײַ געגאַנגען אונטערן זיסן געוויש פון קאַשטאַנען-בלעטער. זיי זענען געווען שײן — סײַ די מענער, סײַ די פרויען — מיט אַן אומגעוויינער סובטעלער שײנקייט, זיי האָבן געלאַכט און גע-זונגען.

גיליאַמע איז געפלויגן איבער זיי. אָבער נישט אין קיין מאַשין. ער איז געפלויגן אַזוי, ווי מ׳פליט אין קינדער-חלומות. ער איז געהאָנגען אין דער לופט איבער הייזער, איבער קאַשטאַ-

נעס, געהאָנגען פריי און לייכט. ס'איז אים נאָר נייטיק געווען לייכט צו פונאַנדערפירן די הענט אין דער לופט, כדי צו באַוועגן זיך. ער האָט זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט אונטן, דאָ אויפגעהויבן אינדערהייך און זיך אַליין געפרייט מיטן פריילינגס־אָוונט, מיט דער סענאָס ליליאַ־אַפּגלאַנץ, מיטן טומל, מיט דער מוזיק.

פלוצלינג האָט ער אויף אַ באַנק דערזעען אַ פּאָרל. אַ מאַן און אַ פרוי זענען געזעסן אַרומגענומען.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר נידעריק און איז געבליבן הענגען איבער זייערע קעפּ. די פרוי האָט זיך אויסגעצויגן און מיד דערלאַנגט די ליפּן איר געליבטן און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן ווענטל פון דער באַנק. גיליאָמע האָט אַ ציטער געטון. ער האָט דערקענט אין דער פרוי מאַדלען און אין מאַן זיין פראַנט־חבר, טראַוועסע.

ער האָט אַ געשריי געטון פון ווייטיק און אייפערזוכט און זיך אַ וואָרף געטון אונטן. דער מאַן און די פרוי האָבן אַ געשריי געטון און אָנגעהויבן לויפן. גיליאָמע איז מיט אַ ווילד געשריי זיי נאָכגעלאָפן. אָבער דער באָדן פון בולוואַר איז געווען אויסטערליש. אָנשטאָט דעם שאַרסטקען אַספאַלט, האָט אונטער די פיס געגלאַנצט און געקלונגען אַ פּאָספאָריש־שיינענדיק אייז.

מאַדלען און טראַוועסע זענען געפלויגן איבער אים מיט אַ לייכטקייט פון פייגל. גיליאָמעס פיס זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן, האָבן זיך געגליטשט, ער האָט געהאַלטן אין איין פאַלן. די פאַרפאָלגטע האָבן זיך לאַכנדיק אַלץ מער דערווייטערט. גיליאָמע האָט געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג און זיך אַ קייקל געטון איבערן אייז. דאָס אייז האָט זיך געשטעלט שפּועדיק און גיליאָמע איז בליץ־שנעל אַראָפּגעפאַלן פון שפּיץ. אַ ווינט האָט אים געפייפט אין די אויערן פון דער שנעלקייט פון פאַלן. פאַר אים האָט זיך געהויבן אַן אימהדיקער רויטער אָפּשיין.

ער האָט פּראָבירט זיך אָנצוכאַפּן פאַר אַ בערגל, זיך אַ ריס געטון און זיך אויפגעכאַפּט.

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, זיך ווילד אַרומגעקוקט און מיטאַמאָל זיך אַלץ דערמאָנט.

דער דאַך פון געצעלט האָט זיך לייכט געשאָקלט איבער אים פון ווינט.

לינקס איז געלעגן און שטיל געקרעכצט עריקסען. ווייטער, אין פוטערנעם זאַק, איינגעוויקלט איבער דעם קאָפּ, איז, ווייזט אויס, רויק געשלאָפן מאַדלען.

פּאַריז, די בולוואַרן, טראָטוּאַרן, דאָס גערויש, דאָס אַלץ איז געווען בלויז אַ חלום. וואָר איז פון חלום געוועזן נאָר דאָס האַסטיקע פּאַלן און דאָס אײַז.

גיליאַמע האָט אַ זיפץ געטון און זיך געזעצט. ער האָט געזוכט מיט די אויגן דעם ז י ג ע ר, אָבער ער איז נישט געווען אין געצעלט. גיליאַמע איז אַרויסגעקראָכן פון זאַק און צוגעגאַנגען צו מאַדלען. ער האָט פאַרזיכטיק אָפּגעבויגן דעם ראַנד פון זאַק און דערזען אַ פאַררויטלטע באַק, אַ האַלב-אָפן מויל. מאַדליין האָט געאָטעמט גלייכמעסיק און געזונט און גיליאַמע האָט דערפילט אַ פאַרלייכטערונג.

ער האָט זי ווידער איינגעדעקט מיט דעם פוטער און איז אַרויס פון געצעלט. ביי די רעשטלעך פון הידראָפּלאַן האָט זיך געפּאָרעט די הויכע, איינגעבויגענע פיגור פון ז י ג ע ר. דערזעענדיק גיליאַמע, איז ער אויפגעשטאַנען.

— שוין איינגעפּאַקט דעם שליטן. שפּייז וועט קלעקן אויף אַ חודש לויט אַ באַשרענקטער פּאָרציע. אַ טייל אויפן שליטן, דאָס איבעריקע אין אָט די רוקזעק. מיר מיט אייך וועט אויסקומען צו טראָגן אויף זיך. מאַדאַם וועלן מיר באַשווערן בלויז מיטן אַפּטייקל: פּאַר אַ פרוי איז עס אַ גענוגנדע משא. כ׳וואָלט נישט באַהאַלטן פון אייך — ס׳וועט אונז זיין שווער. די רוקזעק און דער שליטן מיט עריקסענען. ווי פילט איר זיך? איר קאָנט גיין?

גיליאַמע איז רויט געוואָרן. דידאַקטישע שטרענגע און לאַקאָנישע רויקייט און די זאָרג וועגן אים, דעם שולדיקן אין דער קאַטאַסטראָפע, האָבן אים טיף באַליידיקט.

— אָבער פאַרוואָס האָט איר אַליין געאַרבעט, מעסיע? איך וואָלט אייך געקאָנט העלפן.

דער זיגער האָט אַ שמייכל געטון, זיך איינגעבויגן איבערן שליטן.

— איצט בין איך אַליין אַ דערוואַקסענער אין אונזער משפּחה. איר זענט געווען אַ דערוואַקסענער אין דער לופט. פריקסען קומט נישט אין באַטראַכט, ווי אויך די פרוי. איך בין געזונט, און אויסער דעם, בלויז איך פיל זיך דאָ ביי זיך אין דער היים. בעסער צינדט אָן דעם פּרימוס. מ׳דאַרף עסן פרי-שטיק — און אין וועג אריין.

גיליאָמע איז נישט אַוועק, ער האָט זיך אומגעקוקט אויפן געצעלט, אַזוי ווי מורא האָבנדיק, מ׳זאָל דאָרט נישט דערהערן, און ער האָט געפרעגט שעפּטשענדיק:

— אַנטשולדיקט, מעסיע, איך דאַרף וויסן. צי קאָנען מיר קומען צום ציל?...

דער זיגער האָט שווייגנדיק פאַרצויגן דעם רימען. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעדרייט צום פליער.

— צי קאָנען מיר קומען צום ציל? מ׳דאַרף נישט פרעגן... איינגעטלעך, האָט איר דאָס רעכט צו וויסן. מיר קאָנען. ביז דער ערד איז הונדערט קילאָמעטער... אָבער... ביים ארויספליען האָבן מיר גערעכנט צו דערפליען. נישט פאַרויסגעזעען... אַ נעפּל... מיר קאָנען אָנקומען. אָבער די ערשטע נישט פאָרויסגעזעענע זאַך — דער קראַנקער... די צווייטע — דער צושטאַנד פון אייז, די ריכטונג פון די ווינטן. מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט דער ווינט פאַרטראָגן נאַנסענען טויזנטער קילאָמעטער פון דעם אָרט, צו וועלכן ער האָט געוואָלט דערגרייכן. מיר קאָנען אָנקומען... אָבער, אויסער דעם, — מיר מוזן אָנקומען. איצט נעמט זיך צום פרישטיק.

גיליאָמע איז אייליק צוגעגאַנגען צום געצעלט, אָנגעצונדן דעם פּרימוס, אָנגעשטאָפּט מיט אייז אַ קעסעלע און עס אַוועקגע-שטעלט אויפן פייער. ער האָט זיך געזעצט דערלעבן אויפן ראַנד פון אַ שטיק אייז און זיך פאַרקוקט אויפן בלאָסן, בלויליכן, שי-מעדיקן פייער מיט פוסטע אויגן.

ביי דערדאָזיקער באַשעפטיקונג האָט אים געפונען מאַדלען,

װעלכע איז אַרויסגעגאַנגען פֿון געצעלט. זי איז שטיל צוגעגאַנגען פֿון דער זייט און לויט דערדאָזיקער אָפּגעלאָזטער פּאָזע, לויט די אַראָפּגעלאָזטע הענט, לויטן פּוסטן בליק האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז אים שווער און אומעטיק. און ס'האָט זיך איר פֿאַרוואָלט אָנפֿילן אים מיט מונטערקייט און מיט אַ פֿאַרלאַנג צו קעמפֿן פֿאַר איר און פֿאַר זיך. און זי האָט פֿריילעך אים אַ רוף געטון:

— אַלפֿרעד! כ'בין שוין אויפֿגעשטאַנען... סאַראַ הערלעכער װעטער. סאַראַ זון! ווי הערלעך ס'גלאַנצט דאָס אייז! סאַראַ קאָמישע פּאַסירונג, אַלפֿרעד. מיר וועלן איצט גיין צופֿיס מיט די זעק אויף די רוקנס, אַזוי ווי די מוסולמענישע פּילגרימען גייען קיין מעקקאַ. אָ, ס'וועט זיין אַזוי פֿריילעך, נישט אמת, אַלפֿרעד?

גיליאַמע האָט מיט אַ מרה־שחורהדיקן שמייכל אַ קוק געטון אויף איר, נאָכדעם אויף די אייזיקע שטחים.

דער נעכטיקער געפֿערלעכער נעפּל איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן אַן אַ שפּור. אויפֿן שטאָלענעם שווערן הימל איז ווי אַ שווערער אויסגעפּוצטער גלאָק געהאָנגען אַ צעשויבערטע, ווי אַ קאָמעטע אויסגעצויגענע, זון.

די ווייסע וויסטע האָט געפֿינקלט און זיך געמיניעט מיט אַ מעטאַלענעם אָפּגלאַנץ ווי אַ בראָקאַטענע דעקע אויף אַ טרומנע. און גיליאַמע האָט געענטפֿערט דער פֿרוי:

— יאָ, מאַדלען. מיר וועלן גיין, ווי פּילגרימען. מיר וועלן גיין צום שוואַרצן שטיין. מיר וועלן איצט טרינקען שאָקאָלאַד, ווי אין דער היים, אין אונזער עסצימער, און מיר וועלן גיין. די פֿאַרמאַסטער זיך נישט, מאַדלען. מ'טאָר נישט פֿאַרמאַטערט ווערן... וואָס איז מיט עריקסענען?

מאַדלען איז צוגעקומען נענטער און זיך אָנגעשפּאַרט אָן גיליאַמעס אַקסל. פֿאַמעלעך און טרויעריק האָט זי געזאָגט:

— עריקסען? ס'האַלט שלעכט מיט אים, אַלפֿרעד. ער וויל דאָס נישט אַרויסזאָגן, כּדי נישט צו פֿאַרשאַפֿן קיין עגמת־נפֿש מיר, דיר, מעסיע. אָבער ס'מוז אים אַזוי וויי. ער איז אַזאַ גרויסער, ער שעמט זיך צו קרענקען. ער האָט אין דער היים

אַ כּלה. מיר וועלן אים אָפּפירן צו איר. מיר וועלן אים דאָך דערפירן. איאָ, אַלפרעד?

גיליאַמע האָט געשוויגן. פון הידראָפּלאַן איז צוגעקומען דער זיגער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער שמועס איז געווען וועגן שווערס אין טרויעריקס.

— מ'דאַרף זיך נישט פאַרטראַכטן וועגן דער צוקונפט, — האָט ער געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף דער אייז־קריע. — זאָל מאַדאַם געבן עריקסענען צו טרינקען, נאָכדעם וועלן מיר אים אוועקלייגן אויפן שליטן.

מאַדלען איז אַריין אין געצעלט. דער זיגער איז געזעסן, איינגעצהויקערט די פּלייצע, ווי אַ גרויסער ווילדער פויגל אין שטייג פון אַ מענאַזשעריע. און האָט געזופּט שאָקאָלאַד. גיליאַמע האָט מיט אַ געמאַכטער רויקייט געפּאַקט דעם פּרימוס אין זאַק אַריין.

— באַהאַלט נישט ווייט די האַק, — האָט געזאָגט דער זיגער, זעענדיק, ווי גיליאַמע וויל איינפּאַקן אַ קליינע סקוי־טישע האַק אין זאַק אַריין. — פאַרשטעקט זי הינטערן גאַרטל. מיר וועלן נישט נאָר גיין מיט דעמדאָזיקן וועג, — ער האָט גע־וויזן אין רוים, — מיר וועלן דאַרפן אַליין זיך מאַכן אַ וועג. ער איז אויפגעשטאַנען.

— לאָמיר צופירן דעם שליטן צום געצעלט. מ'קאָן אים ווייט נישט טראָגן.

גיליאַמע איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים. זיך איינגעשפּאַנט אין די ציי־רימענס פון שליטן, האָבן זיי אים צוגעשלעפּט צום גע־צעלט און פאָרזיכטיק אוועקגעלייגט אויף אים עריקסענען. דער דאָקטאָר איז געלעגן אומבאַוועגלעך, פאַרביסן די ליפּ, און גע־קוקט אַרויף אויפן שטאָלענעם הימל, אין עפּעס אַ פּונקט, וואָס נאָר ער אַליין האָט געזען.

דער זיגער האָט אַ קוק געטון אויפן קאָמפּאַס.
— אין וועג אַריין, — האָט ער געזאָגט קורץ.
מאַדלען האָט מיט שרעק אַ שפּריינג געטון צו אים.

— און דאָס געצעלט, מעסיעז מיר האָבן עס פאַרגעסן נעמען.

גיליאָמע, וואָס האָט זיך שוין איינגעשפּאַנט, כדי צו שלעפּן, האָט זיך אומאַנטשלאָסן אָפּגעשטעלט, אָבער דער ז י ג ע ר האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אויף ניין.

— ניין, דאָס געצעלט בלייבט. פון היינט אָן וועט אונדז אויסקומען צו פאַרגעסן וועגן באַקוועמלעכקייטן, — האָט ער געזאָגט טרוקן, און צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט, האָבן זיינע רייזע-חברים דערהערט אין זיין שטים די האַרטקייט פון מיליטערישער קאָמאַנדע. מאַדלען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ס'האָט זיך איר נישט געוואָלט, אַז די מענער זאָלן דערזען טרערן.

אָבער זיי האָבן אויף איר נישט געקוקט. זיי האָבן אַ שלעפּ געטון דעם שליטן. טרוקן האָט אַ סקריפּע געטון דער שניי און די פלאָזשיעס האָבן אָנגעהויבן צו צייכענען אויף אים דעם איינטאָניקן שריפט פון דער רייזע.

דאָס גרויסע גלייכע פעלד האָט זיך געצויגן ביזן האָריזאָנט, אָן אומעטיקס און עקלדיקס מיט זיין פלאַכקייט. הינטער אים, שוין ביים סאַמע ראַנד, וואו דאָס אייז האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן הימל, האָבן זיך איבער אים מיט אַ פינקלדיקן, צייכענדיקן זוים געהויבן די גרעסטע ראַנדן פון אייז-פעלזן, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם וועג. דערדאָזיקער זוים האָט גאָרנישט נישט געזאָגט גיליאָמען, אָבער דער ז י ג ע ר האָט געוואוסט מיט וואָס עס דראָט די צעבראָכענע באַרג-קייט אויפן האָריזאָנט.

דאָס זענען געווען די רייס-ציינער פון דער אייז-וויסטע, אירע אכזריותדיקע און נשמהלאָזע קינבאַקן, וועלכע מ'האָט געדאַרפט אַרויסברעכן מיט גרימצאָרן, פאַרביסן, ביז קראַמפּן אין די הענט, ביזן פאַרבלייבן אָן כוחות. נישט צום ערשטן מאָל איז ער אַריינגעפאַלן אין אייזערנעם קלעם פון דידאָזיקע קינבאַקן. אָבער דאַן זענען מיט אים געווען אויסגעפּרוווטע רייזע-חברים, אייזערנע מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט ברעכן די רייס-ציינער פון וויסן אונטערגאַנג.

איצטער איז מיט אים געווען אַן אומדערפאַרענער מענטש, חעמעס עלעמענט ס'איז געווען די לופט. אַ קליינע, דערשראָקענע, זיך־מונטערנדיקע פרוי און אַ צעקאַלעטשעטע רעשטל פון אַ מענטש.

און אַ שאָטן פון ספק האָט זיך געלייגט אויף ווינע רונצלען. ער איז געגאַנגען גלייכמעסיק איינגעשפּאַנט אין צי־רימען, זיך קלאַמערנדיק געשטעלט די פיס אין שווערע שטיוול, אָבער זיין בליק איז געווען פינסטער, און דאָס אַש פון די אויגן־אַפּלען האָט זיך אָפּגעקילט פון דער אַנטקעגנדיקער שניי־קעלט.

אַ ווינטלאָזע שטילקייט איז ווי אַ בלוילעך גלח־קלייד געהאַנגען איבערן רוים. די זון האָט, צעוואָרפנדיק קרומע שטראַלן, געשלאָגן אין פּנים מיט אַ פאַרצעגפאַכטער גלאַנץ אָפּשפּיגלונג. פון דערדאָזיקער ליכט־שׂרפה האָבן געטרערט די אויגן און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, — אַז פאַר זיי איז צעשפּרייט אַ טריבער פאָרהאַנג פון באַטיסט, וואָס באַהאַלט די ווייטקייט.

ביליאַמע האָט נישט געקאָנט קוקן אויף דעמדאָזיקן ליכט און איז געגאַנגען, ווי אַן אויטאָמאַט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעפּלעך, מיטן קאַפּטור אַראָפּגערוקט אויף די ברעמען. מאָמענטווייז פלעגט ער אויף אַ ווײַלע אויפהייבן די וויעס, כּדי צו קאָנטראָלירן די ריכטונג, און ווידער זיי צוגעמאַכט, ביים באַגעגענען די טרייסטלאָזע פלאַכקייט, וואָס האָט זיך געצויגן פאַר זיי.

לעבן זיך האָט ער געהערט אַ דייטלעך און גלייכמעסיק סקריפּען פון שניי. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס האָט זיך דער שטעקן אין האַנט פון זיגער מיט אַ מעכאַנישער פּינקטלעכקייט געהויבן פאָרויס, זיך געבויגן אויף רעכטס צוזאַמען מיט דער האַנט, און האָט פּאַמעלעך אָפּגעטרעטן הינטער זיך, כּדי זיך ווידער אויפצוהייבן.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער שאָקלט זיך מיט אַ שרעקלעכער רעגלמעסיקייט, ווי אַן אומרו פון אַ גורל־זייגער, וואָס ציילט דעם אומענדלעכן לויף פון דער דראָענדיקער צייט.

און דאָס טרוקענע סקריפּען פון שניי, אונטער דעם אַריינגעשטעקטן שטעקן־שפּיץ, איז ענלעך געווען צו אַ ברומענדיקער, נודנער, זקנישער שטים, וואָס האָט געחזרט אָן אויפהער:

ניש דערגיין... נישט דערגיין... נישט דערגיין...

גיליאַמע האָט זיך באַמיט נישט צו הערן דאָסדאָזיקע שעפטשען און טראַכטן וועגן עפּעס אייגנס. ער האָט מורא געהאַט זיך אומצוקוקן. ער האָט געוואוסט, אַז מאַדלען גייט הינטערן שליטן און האַלט זיך אָן פאַרן ראַנד פון צוגעבונדענעם, אויפגעלייגטן שיפל.

ער האָט אַפילו געהערט צוזאַמען מיטן סקריפּען פון שטעקן דעם טרוקענעם שאָרך פון אירע קליינע אייליקע פרויען-טריט. ער האָט זיך אָבער נישט דערוועגט אַ קוק צו טון אויף איר. ער האָט מורא געהאַט צו דערזעען ווייטיק, יאַוש, אַ בליק, וואָס פאַראורטיילט אים.

דאָס באַוואוסטזיין פון שולד לגבי זיינע רייזע-חברים, וואָס איז אין משך פון דער נאַכט אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך איצט צעפלאַקערט אין אים מיט אַ נייעם נקמהדיקן ריח. ער האָט צוזאַמענגעדריקט די קינבאַקן און אַ קריץ געטון מיט די ציין.

ער האָט מיט אַלע כוחות אָנגעצויגן דעם צי-רימען און געשלעפּט, ווי אַ פלייסיקער און געטרייער אָקס ציט אַ פּויערישן וואָגן אויף די בערגלעך פון שאַמפּאַן.

פּלוצים האָט ער דערפילט דאָס בלאָזן פון אַ וואַרעמען ווינט און אַ שמעקעדיקן ריח פון בלומען, אין רויטן אָפּשיין, וואָס האָט געציטערט פאַר אים, האָבן זיך באַוויזן צווייגן פון אַפּעלסינען-ביימער מיט טונקעלע גלאַנציקע בלעטער. די שווערע אָראַנזש-פרוכטן האָבן געבויגן די צווייגן צו דער ערד. דורך דער נעץ פון גרינס האָט זיך דורכגעזעען די געדיכטע, הייסע יספּבלויקייט.

גיליאַמע האָט געמאַכט נאָך אַ פּאָר טריט. דאָס גרינס האָט זיך צוגערוקט נענטער. עס איז שוין כמעט אַריין אין אים. אַ גרויסער אַפּעלסין, אַ גאָלדיק-רויטער, אַ וואַרעמער, אַ גלאַנציקער, האָט ווייך אָנגערירט זיין באַק. ער האָט אָנגעכאַפּט די דאָזיקע זיסלדיקע פרי און זיך אויפגעכאַפּט.

דער פליין האָט זיך געענדיקט. די צייטיקע סטעגעס פון אייז-פעלזן איז אויסגעוואַקסן אויפן וועג האַרט לעבן ... די אייז-

טעלזן האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אייגע אויף דער צווייטער, האָבן זיך געהויבן, פאַרשטעלט דעם וועג.

אַ קלעביקער שוויס, פונקט אַזאַ, ווי פאַרן פאַלן פון הידראָפּלאַן, האָט צרויסגעשלאָגן אויף זיין גאַנצן קערפּער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אַ וואַקל געטון.

ער האָט דערפילט, ווי עמעץ האַלט אים אונטער ביים עלנבויגן. און אַזוי ווי דורכן שלאָף, האָט ער דערהערט מאַדלענס צעשראָקן שעפּטשען. זי האָט אים געטרייסלט פאַרן אַקסל:

— אַלפרעד... אַלפרעד... — וואַך אויף... וואָס איז מיט דיר? ביסט קראַנק? ניין, ניין. מיר דאַרפן דאָך גיין. מיר דאַרפן גיין אין שטוב, אַלפרעד.

דאָס באַוואוסטזיין האָט זיך פּאַמעלעך אומגעקערט צו אים. ער האָט דערזען די מרה־שחורהדיק מיטפילנדיקע רונצלען פון ז י ג ע ר, מאַדלענס ציטערנדיקע גאָמבע.

אַ רויטקייט פון חרפּה האָט באַשפּריצט מיט פלעקן זיינע באַקנביינער, ער האָט זיך אויסגעגלייכט.

— גאָרנישט, גאָרנישט. מיר האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט פון אַפּגלאַנץ. דאָס איז שוין דורכגעגאַנגען. אין וועג אַריין, — האָט ער געזאָגט כמעט בייז.

אין דעמזעלבן מאָמענט האָט ער דערזען אין שליטן הינטער זיך דעם דאָקטאָר עריקסען. דער דאָקטאָר האָט זיך אונטערגעהויבן אויפן עלנבויגן אויפן האַרטן ברעזענטענעם געלעגער און האָט געקוקט אויף גיליאַמען. אין זיינע איינגעפאַלענע אויגנלעכער, צרומגערינגלטע מיט טונקעלע שאָטנס, האָט זיך געשוקט אַ שטילע פראַגע.

גיליאַמ׳ז איז בלאַס געוואָרן, זיך אַפּגעקערט און צאַביינגדיק פאַרויס דעם אַקסל, האָט ער זיך מיט דער אַנטשלאָסנקייט פון יאוש אַ לאָז געטון אויף דער שפּיץ פון ערשטן אייז־פעלז.

* *

לויטן זייגער איז געוואָרן נאַכט, ס'איז אָבער נישט געווען קיין נאַכט. די זון, אַן אָנגעשוואָלענע און שכורע פון שלאָפלאָזיקייט, האָט זיך געוויגט אויפן האָריזאָנט, פאַרטשעפּעט די אייזיקע שפּיצן, באַגאָסן זיי מיט געל משוגען בלוט.

דער ז י ג ע ר האָט פאַרשטעקט אונטערן גאַרטל די האַק, מיט וועלכער ער האָט אויפגעהאַקט די שאַרפע אייז־שפּיצן אויפן אייזיקן בערגל.

— געבוג אויף היינט — האָט ער געזאָגט טויב. — דער וועג איז שווער פאַר אומדערפאַרענע. מאַדאַם איז אויך מיד.

— ניין, ניין, מסיע! איך קאָן נאָך גיין אַ סך, — האָט אייליק געענטפערט מאַדלען, באַלעקנדיק די צעשפּאָלטענע ליפּן, — איך קאָן נאָך גיין, מיר מוזן זיך אומקערן אַהיים, — האָט זי איבערגעחזרט מיט אַ קרענקלעכער עקשנות.

איר פּנים אין טונקעלן נימבוס פון פוטערנעם קאַפּטור איז געווען חיוורדיק, ווי דער שניי, וואָס האָט זיך געשפּרייט אונטער די פיס.

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן שליטן, אַזוי ווי זי זאָל אים וועלן אַ שטופּ טון פון אָרט, אָבער דער ז י ג ע ר האָט מיט אַ ווייכער פעסטקייט זי אָפּגעהאַלטן.

— מ'טאָר נישט, איך ווייס, וויפיל מ'מעג גיין אין דיזאָזיקע מקומות. נאַכט־אָפּרו!

גיליאָמע האָט זיך מעכאַניש אַראָפּגעלאָזט אויפן שניי, קוקנדיק טעמפּ פאַר זיך. עס האָט אים געמאַטערט די שניי־בלינדקייט.

דער ז י ג ע ר האָט אויפגעפּאַקט דעם רוקזאַק און אָפּגעקאָכט פעממיקאַן.

— איצט לייגט זיך, — האָט ער באַפוילן, ווען אַלע האָבן געטרונקען צו טעפּעלעך געדיכטן בוליאָן, — מ'וועט מאָרגן דאַרפן אויפשטיין פריער. איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן דורכגיין מער. פינף קילאָמעטער איז צו ווינציק.

גיליאָמע האָט זיך איילים פאַרוויקלט אין שלאָף-זאַק. מאַד-לען האָט זיך דערנענטערט צו אים.

— ביסט נישט געזונט, אַלפרעד ? מ'דאַרף נישט, — האָט זי געבעטן, — האָב געדולד, אַלפרעד. דו ביסט דאָך אַ מאַנסביל, דו, מיין דרייסטער, אומדערמידלעכער. געדענקסט די מלחמה ? געדענקסט — דו ביסט געווען דער לופט-קעניג, ווי דו פלעגסט אַראָפּוואַרפן דייטשן, ווי זיי פלעגן מורא האָבן פאַר דיר און ווי פראַנקרייך פלעגט זיך מיט דיר אַנטציקן ?

גיליאָמע האָט געשוויגן. אַ שווערער דרימל האָט אים גע-בויגן אין אַ טונקעלער ליידיקייט.

מאַדלען איז שטיל אַוועק צו איר זאַק. ווען זי איז פאַר-בייגעגאַנגען לעבן שליטן, האָט זי אָפּגעשטעלט אַ שטילער, קוים הערבאַרער רוף פון עריקסענען.

— אַנטשולדיקט, פרוי, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, ווען זי האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון שליטן, — אַנטשולדיקט, וואָס כ'האָב אייך אָפּגעשטעלט. וויפיל זענען מיר דורכגעגאַנגען אין משך פון היינטיקן טאָג ?

— פינף קילאָמעטער. מסיע זאָגט, אַז דאָס איז צו ווינציק. ס'איז אָבער אַזוי שווער צו גיין איבער דידאָזיקע בערג. כ'האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז דאָס וועט זיך אַזוי שרעקלעך ענ-דיקן. און ווי שרעקלעך ס'איז, וואָס איר זענט קראַנק, — האָט זי געזאָגט אומעטיק, נישט באַמערקנדיק, ווי ער האָט אַ ציטער געטון פון דידאָזיקע ווערטער.

ס'האָט עטלעכע מינוט געהערשט אַ שטילקייט, אַ שווערע, אַ וואָגיקע.

נאָכדעם האָט עריקסען פונקט אַזוי שטיל געזאָגט, קוקנדיק אין הימל.

— יאָ... כ'ווייס, אַז איך בין אַן אומנייטיקע און געפער-לעכע לאַסט.

מאַדלען איז אויפגעצאַפּלט געוואָרן און אויפגעשפּרונגען.

— אָך, ביי גאָט... סאַראַ נאַרישע איך בין. איך האָב גאָרנישט דאָס געוואָלט זאָגן... ניין... איר מאַכט גאָרנישט שווע-

ריר. דער שליטן גליטשט זיך לייכט... רעדט נישט אזוי, אז נישט וועל איך וויינען. ס'איז מיר אזא רחמנות אויף אייך, איך וויל, אז איר זאלט נאך זעען די פרעקען אנגא... יא, יא...

— גוט, כ'וועל שוין נישט מער... א דאנק פאר אייער גוטסקייט... לאזט מיך א קוש טון אייער האנט פארן שלאף, מארגן וועט אלץ זיין גוט.

מאדלען האט, איינהאלטנדיק די טרערן, אראפגעצויגן די הענטשקע, און דער זון פון די וויקינגס, דאקטאר עריקסען, האט זיך מיט יראת הכבוד צוגערירט מיט ברענענדיקע ליפן צו דער אפגעשיילטער הויט.

— איצט, זייט געזונט, — האט ער געזאגט, אפלאזנדיק זי.

מאדלען איז מיט א זיפץ אראפ פון שליטן און אוועק צום וואָק. שוין איינגעוויקלט האט זי נאכאמאל א קוק געטון אויפן שליטן. דאקטאר עריקסען איז געלעגן אויף אים א לאנגער, גלייכער, אויסגעצויגן אויף דער פלייצע.

אויפן מוטנעם טונקל-בלויען הימל האט זיך אויסגעטיילט, געל-באלויכטן דורך א זייטיקער זונעגשיין, זיין פראפיל, מיט א פארשפיצטער נאז און מיט טיף איינגעפאלענע אויגנלעכער.

מאדלען האט א זיפץ געטון נאכאמאל און צוגעדעקט דעם קאפ מיטן פוטער.

דאקטאר עריקסען איז געלעגן אומבאוועגלעך און האט געטראכט.

ער האט פארשטאנען, אז ער איז פארמשפט. ביידע פיס צעבראכן. א קאשע פון צעשמעטערטע ביינער און צעריסענע מוסקולן, אמת, אין דעררדאזיקער קעלט איז נישטא קיין באזונדערע געפאר פון גאנגרענע, די ביינער קאנען זיך צוזאמענוואקסן. זאל זיין נישט רעגלמעסיק, זאל ער אויף שטענדיק בלייבן א קאלעקע. אבער ער האט אן אייזערן געזונט, ער וועט קאנען ארבעטן מיט צעקאליטשעטע פיס אויך.

לעבן... לעבן...

סארא קלוג און שיין ווארט! לעבן... ארבעט... אוניווערזי-

טעט... לאבאראטאריע, דער בלאנדער און בלויאויגיקער טרוים... פרעקען אננא... אבער פרעקען אננא קען אים אלס שטארקן, אלס ספארטסמען, אלס ליזשוועס-לויפער. יענע פרעכטיקע שפאצירן אין די יאנואארישע קרוכע שנייען... די שפורס, איבער וועלכע די ליזשעס פליען מיט א פייף. א דערשראקן פרויען-געשריי, זיינע הארטע הענט, וועלכע כאפן אונטער איר טאליע, די נאנט, נאנט ברענענדיקע באקן און דאס לאכנדיקע מיול... ניין, דאס וועט שוין מער גישט זיין . . .

און אויסער דעם... אויסער דעם. דערדאזיקער שווארצער וועג דורך דער אייזיקער אומבאוואוסטקייט. זיי זענען בלויז צוויי... דער ז י ג ע ר און לייטענאנט גיליאמע. דער ז י ג ע ר — א געעלטערטער ריז. ער לעבט נאר מיטן ווילן, וואס האלט אונטער דעם אפגעלעבטן קערפער. ער קאן נישט זיין אומדערמידלעך, ווי פריער... גיליאמע ?... א, די פראנצויזן. א צארט, לייכטזיניק, שוואך פאלק. קנוילן נערוועז... דער אנטצינדעטער און שוואכער מוח פון דער אפשטארבנדיקער אייראפע ! ער וועט איך לאנג נישט אויסהאלטן. וואס-זשע וועט דאן זיין ? אן איינזאמע קליינינקע פרוי מיט ליבע אויגן, איינע אליין אין די קינבאקן פון ווייסן אונטערגאנג.

דאקטאר עריקסען האט אומרויק א קוק געטון אין מאדלענס זייט.

יא, פארשטייט זיך. ער איז א לאסט... ער איז בלויז אן איבעריקע און שעדלעכע מאסע אויף די אקסלען פון דידאזיקע מענטשן, וועלכע מוזן אויפן וועג פון לעבן אריבערטרעטן איבער טויט. און ער קאן ווערן די סיבה פון דעם, אז דער טויט זאל זיי אלע צעקוועטשן. ניין — דאס קאן ער נישט, דאס דארף ער נישט דערלאזן.

דערדאזיקער געדאנק האט אים דורכגעברענט, ווי צעגליטע צוואנגען פון א תליון.

ער, דאקטאר עריקסען, האט ביים קלויבן זיך אין דער לופט-רייזע געטרוימט וועגן דעם, אז ער וועט אויפטון עפעס, וואס וועט אים דערהייבן אין די אויגן פון דערדאזיקער פרוי-

וואָס האָט אַזוי פֿרײַנטלעך געשמייכלט צו אים אין דער קאַבינע פֿון הידראָפּלאַן. עפּעס אַ טאַט, וואָס זאָל זיך גלײַכן מיט איר מוטיקייט צו די העלדנטאַטן פֿון די פֿאַרצײַטיקע וויקינגס.

דאָקטאָר עריקסען האָט זיך מיט אָנגעכמורעטע ברעמען אָנגעהויבן צו באַוועגן. ער האָט פֿאָרזיכטיק אַרײַנגעשטעקט די האַנט אונטערן פֿוטער און אַרויסגעצויגן פֿון בוזים-קעשענע פֿון דער וואַרעמער זאַמשענער קורטקע אַ קלײנינקן שוואַרצן רע-וואָלווער.

ווי גוט דאָס איז, וואָס ער האָט פֿאַרשטאַנען. אַן דער טוי-טער וואָג פֿון זײַן גרויסן אומבאַרחמנותדיק צעקאַליעטשעטן קער-פּער וועלן די דאָזיקע דרײַ לײַכטער צוקומען צום זוניקן ברעג פֿון לעבן. ער דאַרף זײַ העלפֿן טויטערהייט, אויב ער קאָן דאָס נישט לעבעדיקערהייט.

מיט אַן אָנגעמעכטיקן פֿינגער האָט ער מיט גרויס מי אָפּגע-רוקט דעם פֿאַרהיטער, וואָס האָט אַ קנאַק געטון, און צוגעטראָגן די לופֿע צום קאָפּ.

אַ שאַרף גרינגלעך אײַגל פֿון פֿײַערל האָט מאַט אַ וואונק געטון אין דער טויטער געלקייט פֿון האַלב-נאַכטיקער ליכטיקייט.

8

דאָקטאָר עריקסען איז געלעגן אַנדערהאַלבן מעטער טיף אין אַ שמאָלן אויסגעהאַקטן גרוב, פֿאַרשאָטן מיט שטיקלעך אײַז.

בײַ אים צוקאָפּנס האָט געפּאָכעט אין שטורמווינט פֿון דער אויסגעבראָכענער זאַווערוכע אַ קוואַדראַט-שטיקל פֿון זײַן היימ-לאַנד-פֿאָן, צוגעבונדן צו אַ שטעקן. ער האָט מיט זײַן געוויש געזאָלט דערמאַנען דעם שלאָפֿעדיקן זײַן היימלאַנד, די גרינע שפּיצעס פֿון די פֿיאָרדן און אַלץ, וואָס איז טײַער געווען דעם זכרון און דעם האַרץ.

די געלע נאַכטיקע זון איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן. איבער

די קעפּ האָבן זיך געריסן, זיך וויקלענדיק און געדיכט ווערנדיק, צווישן פון וואָלקנס. אַ רייסנדיקער ווילדער ווינט האָט געטראָגן שלעפּעס פון שטעכיקע שניי־נאָדלען.

זיי האָבן זיך געדרייט אַלץ געדיכטער און געדיכטער און זענען געפאַלן אין צעשטורעמטע, געררישלאָזע ווייסע וואַסערפאַלן, אַנווארפנדיק אין איין רגע צעשויבערטע שניי־בערגלעך.

דער שליטן האָט געטויכט ווי אַ שיפל בעת אַ שטאַרקן כוואַליען־זיך, געפאַלן פון זייט אויף זייט, אויפן אָרט, וואָס איז נעכטן פאַרנומען געווען דורכן דאָקטאָר עריקסען, איז געלעגן די איינגעוויקלטע מאַדלען.

עריקסענס טויט האָט צעבראָכן איר קינסטלעכע מונטערקייט. אירע אויגן־לעפלעך זענען געשוואָלן געוואָרן פון טרערן, מיט שמוציקע שטראָמען זענען זיי זיך צעשוואומען איבער דער רויטער, אָפּגעשיילטער הויט און געפרוירן געוואָרן אין אייז־ליכטלעך אויפן פעלץ.

אין דעם ווייסלעכן תהו־ובהו האָט גיליאָמע קוים אונטערשיידט לעבן זיך דעם אומקלאָרן סילועט פון ז י ג ע ר. פון צייט־צו־צייט פלעגט ער זיך אומרויק אומקוקן הינטער זיך; אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער רעווענדיקער אָנגריף פון ווינט וועט אַראָפּרייסן מאַדלען פון שליטן און זי וועט בלייבן פון הינטן, נישט זייענדיק בכוח אויפצושטיין און אָנצויאָגן די אוועקגייענדיקע.

צייטנווייז פלעגט דער שליטן בלייבן שטעקן אין דער סיפּקער קאַשע. די פלאָזשיעס פלעגן זיך פאַרגראָבן ביז די זייטן־שטאַנגען פון שליטן און די אָנגעצויגענע צי־רימענס האָבן געשליידערט אויף צוריק די ציענדיקע. דאַן, אַרונטערנעמענדיק דעם צי־רימען אונטער די פאָדערשטע זייטן־שטאַנגען פון שליטן, פלעגן ביידע מיט אַ כריפּען און אָנשטרענגונג אַרויסשלעפּן די נאָז פון שליטן פון שניי־בערגל, כדי מיט עטלעכע טריט ווייטער בלייבן פאַרשטעקט נאָך טיפער.

ענדלעך, פאַרלירנדיק די כוחות, זענען ביידע מיטאַמאָל שטיין געבליבן אַזוי ווי עמיצער פון דרויסן זאָל זיי באַפעלן. דער ז י ג ע ר האָט אויף אַ ווײַלע אַראָפּגערוקט דעם קאַפּטור

און צופּגעווישט דעם שטערן. נישט געקוקט אויף דער זאַווערוכע און אויפן אייזיקן ווינט, איז ער נאָס געוועזן פון שווייס.

— מ'קען נישט. מ'מוז איבערוואַרטן, ס'וועט זיך איינשטילן צום פרימאָרגן צו. אַלץ איינס קענען מיר נישט האַלטן די ריכטונג און מיר וועלן בלויז אומזיסט פאַרלירן די כוחות, — האָט ער געזאָגט, זיך צוזעצנדיק אויפן ראַנד פון שליטן.

גיליאַמע האָט זיך פשוט אָהעקגעזעצט אויפן שניי און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צווישן די קני. צעמגעגנומען מיט אַ מידער תּאַפּנונגסלאָזיקייט, האָט ער זיך אומגעקערט מיט דער פּלייצע צום ווינט, פילנדיק די אַנקומענדיקע שווערקייט פון אַ שטיקנדיק און נישט-באַזיגבאַר דרימלען.

ער האָט נישט געוואוסט, ווי לאַנג ער איז אַזוי צוגעזעסן.

זיך אויפגעהויבן, האָט ער דערזען דעם שליטן פאַרשאָטן ביז אַרויף מיט שניי און אויף אים מאָדלען איינגעקורטשעטע ווי אַ קנייל־עכל. זי איז אויך געווען פאַרשאָטן מיט שנייאיקע כמאַליעס.

זי איז געלעגן אַזוי אומבאַוועגלעך, אַז ביי גיליאַמע איז אויפגעשוואומען אַן אומרויקער חשד. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דער קלענער עפענונג אין שלאָף-זאַק און האָט מיט פרייד אָנגעטאַפּט אַ לעבעדיקע וואַרימקייט פון איר האַלז.

זי האָט זיך אַ רודער געטון, און די אייבערשטע טייל פון איר פּנים האָט זיך באַוויזן פון פוטער.

— אַלכּרעד! פאַרוואָס גייען מיר נישט? — האָט זי געפרעגט. — וואָס איז געשעען?

ער האָט געענטפערט פויל און אומגערן

— אַ זאַווערוכע... מ'זעט נישט דעם וועג. מ'דאַרף אָפּרוען.

אין דערזעלבער מינוט האָט ער דערזען, אַז דער זייגער איז נישטאָ ביים שליטן.

אַ משוגענער געדאַנק האָט אים אַ ריס געטון פון אָרט. ער האָט, שטרויכלענדיק זיך און איינזינקענדיק אין שניי-בערגלעך, זיך געלאָזט לויפן צרום שליטן. מ'האָט קיינעם נישט געזען. ער

האָט צוגעשטעלט די דלאָניעס צום מויל און האָט דורכדרינגענדיק חיוועריק אַ געשריי געטון.

ס'איז נישט געקומען קיין ענטפער. ס'האָט געוואָיעט און געפּייפט די זאַווירוכע, אים געוואָרפן אין אָפּענעם מויל קוילן שניי. ער האָט זיך צוגעדריקט צום שליטן, געצופּט מאַדלען:

— מאַדלען!... מאַדלען!... מיר זענען פאַרלוירן. ער איז אַוועק... אַוועק אַליין... ער האָט אונז אַוועקגעוואָרפן, מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט אַרויסבאַקומען פון דאָזיקן גהינום. ניין... ניין... איך וועל אים אָניאָגן. איך וועל אים דערהרגענען.

מאַדלען האָט מיט אַ ציטער פון שרעק געקוקט אויף זיין אויסגעקרומט מויל, אויף די ווייסלען, וואָס זענען אַרויסגעקראָכן פון די אויגנלעכער. גיליאַמע האָט זי אַ כאַפּ געטון פאַר דער האַנט, די האָט אים אָפּגעשטויסן.

— ביסט אַ פּחדן און אַ ליגנער, — האָט זי אַ געשריי געטון,— ביסט נישט קיין מאַנסביל. איך וועל קיינמאָל נישט גלייבן, אַז מסיע קאָן לאָזן אַ פרוי אויף גאָטס באַראָט. שעם זיך, אַלכּרעד!

גיליאַמע האָט זיך צוריקגעצויגן. אַ ביטערער ציטער פון חרפּה האָט אים אויפגעטרייסלט. ער האָט אָן אָטעם, כריפּענדיק, אַראָפּגעלאָזט זיך אויפן שניי, און גלייך דערהערט אַ טויבע שטים, וואָס האָט אים גערופן פון נעפּל אַרויס.

— איך האָב געפּאָרשט דעם וועג, — האָט געזאָגט דער צוקומענדיקער ז י ג ע ר, אַראָפּשיטנדיק דעם שניי פון פעלץ, — דאָרט הינטער די אייז-פעלזן לינקס איז אַ ריזיק, גלייך פעלד. מיר וועלן דאָ איבערנעכטיקן און איגדערפרי זיך לאָזן אַהין. ס'וועט זיין גאָר גרינג!

גיליאַמע איז געזעסן, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ. דער ז י ג ע ר האָט איבערגעטראָגן דעם בליק פון אים אויף מאַדלען און פאַרשטאַנען. די רונצלען פון זיין מויל האָבן זיך בולטער אויסגעטיילט אין אַן אַכזריותדיק-איראָנישן קנייטש.

— מיר וועלן דערגיין אַלע דריי... אָדער מיר וועלן נישט דערגיין, אָבער אויך אַלע דריי, — האָט ער אַ וואָרף געטון

האַרט און מיט פּאַרוואָרף. — און איצט דאַרף מען זיך איינ־אָרדנען.

גיליאַמע האָט זיך אויפגעהויבן, און אויסמיידנדיק צו קוקן אויפן ז י ג ע ר, האָט ער אים געהאָלפן איבערקערן דעם שליטן אויף איין זייט. אונטערן שליטן האָט מען אונטערגעגראָבן דעם שניי און אין דעם גריבל האָט מען אָנגעזעצט מאַדלען, באַשיצנדיק זי פון ווינט. דער ז י ג ע ר האָט מיט אַ מעסער געעפנט קאָנסערוון־שעכטלעך און האָט דערלאַנגט מאַדלען איינס פון זיי מיט ווייצן־פלאָדן.

— היינט איז אָונט־ברויט à la fourchette. מ'וועט דאַרפן דערמיט שלום־מאַכן, — האָט ער געזאָגט, און פריינטלעך אַ גלעט געטון איר פוטערנעם אַרבל.

מען האָט געגעסן שווייגנדיק, מעכאַניש. נאָכן עסן האָט מאַדלען אַוועקגעוואָרפן דאָס שעכטל און זיך געלייגט. גיליאַמע האָט זיך פעסט צוגעדריקט צו איר. דער ז י ג ע ר האָט זיך געלייגט פון דרויסן.

דער ווינט איז ביסלעכווייז שוואַכער געוואָרן, דער שניי האָט געשיט שוין נישט מיט אַזוינע געדיכטע וואַסערפאַלן. עטלעכע מאָל האָבן זיך די וואָלקנס אויף אַ ווייל צעריסן, אָפּגעדעקט די שווערע בלויקייט פון הימל.

אַ קלאַנג, וואָס האָט הילכיק געפּלאַצט אין דער ווייטקייט, האָט אין אַ געוויסער צייט אַרום אויפגעוועקט דעם ז י ג ע ר. ער האָט זיך אונטערגעהויבן און זיך צוגעהערט. דער קנאַל האָט זיך געהערט נאָכאַמאָל און זיך אַ קייקל געטון איבערן אייז אַ קייַלעכדיקער און באַרייטפולער. ער איז ענלעך געווען אויף אַ האַרמאַטן־שאָס.

דער ז י ג ע ר איז אויפגעשטאַנען, זיך צוגעהערט. אָבער דער קלאַנג האָט זיך מער נישט איבערגעחזרט. דער ז י ג ע ר האָט מיד אָנגעשטאָפּט די פּייקע און פאַררייכערט.

ער האָט געוואוסט, אַז קיין האַרמאַטן־שאָס קאָן דאָ נישט זיין, אַז דאָס פּלאַצט דאָס אייז, זיך אויפטורמענדיק און זיך ברעכנדיק פון ווינט און פון אונטערוואַסער־שטויסן

און דאָך איז ער אַפּגעגאַנגען פון שליטן און אַרויסגעקראָכן אויפן שפּיץ פון גאָענטסטן אייז-פעלד און ביז וויטיק אין די שוואַרץ-אַפּלען זיך איינגעקוקט אין דער זיך דרייענדיקער טונקלקייט. אָבער צען טריט ווייטער האָט זיך אַלץ צונויפגעגאָסן אין אַ שמערצלעך ציטערנדיקן, ווייסלעכן פאַרהאַנג.

ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ראַנד פון אַן אייז-שטיק. דער ווינט האָט מיט גרימצאָרן געריסן די בלוילעכע שטיקלעך פון טאַבאַק-רויך, וואָס האָט זיך געהויבן פון דער פייקע.

דער ז י ג ע ר איז מיד געזעסן איינער אַליין מיט זיינע געדאַנקען.

זיי זענען געווען שווער און צודרינגלעך, ווי בייזע דאָרפישע הינט, וואָס יאָגן זיך נאָך דורכגייער. ער האָט זיי נישט געקאָנט פאַרטרייבן. ער איז געבליבן איינזאַם אין דערדאָזיקער וויסטע.

ער האָט מיט ביטערניש דערמאָנט זיך זיין מאַרש איבער די אייז-באַריערן אין קעגנזעצלעכן עק פון דער ערד. דאָן זענען זיי אויך געווען פינף, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין דעם געפערלעכן וועג. פינף אַזוי ווי איצט אין אָנהייב פון דעמדאָזיקן וועג.

אָבער יענע זענען געווען מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך צונויפגעלעבט אַזוי ווי מיט זיך גופא אין משך פון צוואַנציקיעריקע וואַנדערונגען. זיי האָבן אָן ווערטער פאַרשטאַנען זיין יעדע באַוועגונג, יעדן ריר, און שטאַרק זענען זיי געווען, ווי דעמבענע דעק-באַלקנס פון אַ שיף. צונויפגעדריקט די קינבאַקן, האָבן זיי געבראָכן אַלע שטערונגען, נישט וויסנדיק פון קיין מידקייט, קראַנקהייט און מרה-שחורה.

איצט זענען פון פינף געבליבן בלויז דריי. און צווישן צוויי שוין אומגעקומענע איז געווען דער איינציקער, וואָס איז אים נאָענט געווען.

דער באַרטמעכאַניק שטראַל, גיליאַמע זענען געווען קענער פון זייער זאַך, מענטשן, וואָס האָבן באַהערשט די סודות פון זייער פאַך, זיי זענען אָבער געווען נישט דערפאַרן און אומבאַ-

האַלטן אין לאַנד פון ווייסן אונטערגאַנג. ער האָט צום ערשטן מאָל געדריקט די האַנט זיינע רייזע־חברים דריי טעג פאַרן לאָזן זיך אין וועג אריין. און מיט זיי איז נאָך געווען אַ פרוי. אַ פרוי, וועלכע מ׳האָט נישט באַדאַרפט נעמען אין אַ רייזע, וואו דער טויט איז אַ נאָענטער שכן. און ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער איז איינגעגאַנגען אויף דער דרינגלעכער בקשה פון פליער, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פליען אָן איר.

און ער האָט זיך דערמאַנט אָן אַלטן נאַיוון ים־אַבערגלויבן, אַז אַ פרוי אויף אַ שיף ברענגט אומגליק. וויפיל מאָל האָט ער אַליין געלאַכט פון דערדאָזיקער קינדישער לעגענדע, אָבער איצט האָט אים דאָס דערמאָנען זיך אָן איר, אָנגעפילט מיט אַן אומקלאָרער און אויפרעגנדיקער אומרויקייט. ער האָט מיט פאַרדראָס אויסגעקלאַפּט דאָס אַש פון דער פייקע און איז אויפגעשטאַנען.

דער זעלבער אָנגריף פון נאָגעניש און פאַרלוירנקייט, וועלכן ער האָט געפילט אין דעם הארץ פון די אייז־וויסטעס אויפן צפון, האָט ווידער אַ קיצל געטון זיינע נערוון מיט שאַרסטקע פיל־הערנער.

נאָך אומקלאָר, אָבער מיט אַ וואַקסנדיקן צווייפל און במעט שרעק, האָט ער דערפילט, אַז ס׳כאַפּט אים אַרום אַ גלייכ־גילטיקייט. דער אויסגאַנג פון קאַמף האָט אים אויפגעהערט צו אינטערעסירן. ער האָט מער נישט געהאַט קיין ציל און נישט געהאַט קיין פאַרלאַנג צו באַקעמפן, אָנקומען און זיגן.

מעגלעך, אַז פון אָנגעקומענעם ווינט, און מעגלעך, אַז פון דאָזיקן מאָדנעם און שרעקנדיקן געדאַנק האָט ער דערפילט אַ שוי־דער און קעלט אין די קני.

און מיט מי אויפהייבנדיק די פיס, אָן אָפּגעלאָזטער און פוילער, איז ער צוועק צום שליטן און זיך געלייגט לעבן זיינע שלאָפנדיקע רייזע־חברים.

*　　*

*

איבער דער נאַכט האָט זיך די זאַווערוכע באַרויקט פונקט אַזוי האַסטיק, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. איבערן הימל האָבן זיך געגליטשט פוילע, קיילעכדיקע, פוכיקע, כמעט פרילינגדיקע וואָלקנס.

זיי זענען געווען פונקט אַזוינע צאַרט-ראָזעווע, ווי יענע, וואָס זענען געשוואומען איבער דער בוכט דזשעררי-באַי אין דער שעה פון אָפּפלי.

אַזוי האָט מאַדלען געזאָגט גיליאַמע אינדערפרי, פאָרן לאָזן זיך אין וועג אַריין.

די פאַרלוירענע מונטערקייט האָט זיך ווידער אומגעקערט צו איר ביי דער שיין פון דער זון, ביים גלאַנץ פון די וואָלקנס און שנייען.

עטלעכע שעה האָבן גיליאַמע און דער ז י ג ע ר זיך אַריינגעהאַקט מיט די העק אין אייז פון די אייז-פעלזן, דורכגעלייגט זיך אַ וועג צום גלאַטן פעלד, וועלכעס מ׳האָט נאָכטן באַמערקט.

די אייז-פעלזן זענען ווי אַ פעלזן-וואַנט געשטאַנען אויפן וועג. די מענטשן האָבן מיט גרימצאָרן געקרישלט דאָס זילבערבלענדיקע, קלינגענדיקע, פאַרפרוירענע גלאָז. נאָכן צעקרישלען דאָס אייז עטלעכע מעטער פאָרן שליטן, פלעגן זיי זיך איינשפּאַנען, אַדורכשלעפּן דעם שליטן דורכן אָפּגערייניקטן שטח, זיך צוריק אויסשפּאַנען, כדי זיך צו נעמען פאַר די העק.

ענדלעך איז דער שליטן אַרויפגעקראָכן אויפן ראַנד פון לעצטן אייזבאַרג און נאָך אַ שטופּ פון הינטן איז ער ווייך אַראָפּגעפאָרן פון שפּיץ אויפן גלייכן אייז.

נאָך אַ מינוטיקן אָפּרו האָט מען זיך געלאָזט ווייטער.

איבער פלאַכקייט, אויסגעפּרעסט פון דער זאַווערוכע איז לייכט געווען צו שלעפּן דעם שליטן. גיליאַמע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן צו פייפן אַ פריילעכן ניגון.

די מרה־שחורה און די שווערקייט האָבן אים פאַרלאָזט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו גלייבן אין זיין גליק. מאַדלען האָט לאַכנדיק אונטערגעשטופּט דעם שליטן פון הינטן און אויף אַלע פראַגעס געענטפערט, אַז זי פילט זיך אַזוי ווי אויף Rue Saint-Martin.

דער ז י ג ע ר האָט לייכט געצויגן דעם צי־רימען דריי טריט פאַר גיליאַמע. ער איז געגאַנגען זיך לייכט אָנבייגנדיק, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, מיט אַן עלאַסטישן, גלייכמעסיקן גאַנג. ער האָט אים איבערגענומען ביי די פאַליארע טונדרע־הינט. ער האָט געוואוסט, אַז מ׳דאַרף זיך נישט איינמאַטערן מיט איילן זיך, און גיליאַמע האָט זיך באַמיט נאָכצומאַכן זיינע באַוועגונגען.

פלוצלינג האָט אים געפּלאַצט דער רימען, וואָס האָט אויפגעצויגן דעם גאַרטל פון די פוטערנע הויזן. גיליאַמע איז שטיין געבליבן און, אַראָפּהאַרפנדיק פון די אַקסלען דעם צי־רימען, האָט ער אָנגעהויבן צונויפצובינדן די עקן פון רימען.

דער ז י ג ע ר האָט געצויגן ווייטער איינער אַליין, ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. דער שליטן איז דורכגעפאָרן לעבן גיליאַמע, און מאַדלען האָט צו אים אַ שמייכל געטון מיטן צעהיצטן פּנים.

ער האָט שנעל פאַרענדיקט מיטן רימען און זיך געלאָזט לויפן, אָניאָגן די אַוועקגעגאַנגענע. ער איז שוין געווען צען טריט פון שליטן, ווען פלוצלינג האָט די פיגור פון ז י ג ע ר זיך באַהאַלטן אין אַ וואָלקן פון אויפגעהויבענעם שניי, און ער האָט דערהערט אַ קורץ און הייזעריק געשריי.

ער האָט זיך אַ ריס געטון און דערזען ווי דער שליטן האָט זיך געשטעלט ווערטיקאַל און זיך אַראָפּגעקנאַקט אין אַן אייז־גרוב. ער האָט קוים באַוויזן צו כאַפּן מאַדלען און זי אָפּוואַרפן אויף הינטן, און אַליין האָט ער זיך געגעבן אַ צי אויס ביים ראַנד פון אייז־גרוב.

אַנדערהאַלבן מעטער אונטער אים, אין אַ ברייטן שפּאַלט, פאַרדעקט איבער נאַכט מיט אַ לייכטער און וואַקלדיקער שניי־

בריק, וואָס האָט זיך אונטער דער מאַסע פון אַ מענטש איינגע־בראָכן, האָט זיך געבולקעט דאָס שוואַרצע דורכזיכטיקע וואַסער.

אין אים האָט ער דערזעען די אומקלאָרע שאָטנס פון שליטן, וואָס איז אַראָפּ אין דער טיפעניש, און דעם צווייטן — פון מענטש. ער האָט זיך קאָנוואולסיוו געוואָרפן. גיליאַמע האָט פאַרשטאַנען דידאַזיקע באַוועגונגען. דער מענטש, געצויגן דורך דער מאַסע פון לאַדונג, האָט זיך באַמיט אַראָפּצוּוואַרפן די פּעטלע פון צי־רימען.

צוויי מאָל האָט זיך באַוויזן אין נישט זיכערן וואַסער־שפּיגל דערדאָזיקער צאַפּלדיקער שאָטן, עס זענען אַרויפגעשוואו־מען אויף דער אויבערפלאַך גרויסע בלעזלעך, און דאָס וואַסער האָט זיך געלייגט מיט אַ טויטן און אומבאַוועגלעכן שיכט.

גיליאַמע האָט זיך איינגעקלאַמערט אין ראַנד פון אייז און, נישט פילנדיק קיין ווייטיק פון די זיך־ברעכנדיקע נעגל, האָט ער פאַרשטיינערט געקוקט אין דער שוואַרצער טיפקייט.

אַ מינוט — און ער איז אויפגעשפּרונגען, אַזוי ווי אָפּגע־שליידערט פונם שפּאַלט.

מאַדלען איז געשטאַנען אויף די קני, צעטומען די הענט מיט אַ באַוועגונג פון אַ בלינדער.

אירע אויגן זענען געווען ווילד, שרעקלעך, און אין אָפּגע־נעם, ווי צום שרייען, מויל האָט זיך געבלעזלט שוים, אַראָפּרינענ־דיק איבער דער ליפּ.

9

ס'האָט גאָרנישט מער נישט פאַרבונדן דידאָזיקע צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך מאַכטלאָז און פויל קאַראַטשקעט איבערן נישט־גלייכן אייז.

זיי האָבן פאַרגעסן אַלץ. זיי האָבן פאַרגעסן זייער פאַרגאַנ־גענהייט און קעגנוואַרט.

זיי האָבן נישט געהאַט נישט קיין געדאַנקען, נישט קיין

ווערטער — בלויז אויטאָמאַטישע באַוועגונגען, נישט אונטערגע־וואָרפן נישט דעם ווילן, נישט דעם שכל.

זיי אַליין האָבן זיך נישט געפילט אַלס מענטשן. זיי זענען געגאַנגען אומבאַוואוסטזיניק, זיי האָבן נישט געהאַט נישט קיין ציל, נישט קיין ריכטונג.

זייערע שפּורן אויפן שניי זענען געלעגן אין אַ גרויסער, קײַלעכדיקער פּעטלע, און זיי זענען געגאַנגען איבער דערדאָזי־קער פּעטלע. ווי פּערד אויף אַ שטריק, אַלץ פאַרשמאָלערנדיק און פאַרשמאָלערנדיק זי.

זיי האָבן נישט געהאַט וואוהין צו גיין. זיי האָבן נישט גע־וואוסט דעם וועג, זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון וואו ס'איז צפון און וואו דרום. זיי האָבן נישט געהאַט צו וואָס צו גיין און פאַרלירן די לעצטע כּוחות אין זינלאָזן דרייען זיך, ווײַל זיי האָבן נישט געהאַט קיין עסן. ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו דערהאַלטן דאָס אויסגייענדיקע טליען פון לעבן.

אָבער זיי האָבן זיך געשלעפּט מיט דער עקשנות פון מאַניאַקן, אַרויסשלעפּנדיק פון שניי די צעבײַלטע פיס. זייערע אויגן האָבן פאַרטעמפּט און מרה־שחורהדיק געקוקט פאַר זיך, פאַרגליווערטע, פאַרפרוירענע, אַרויסשטאַרצנדיקע, און ביים באַ־געגענען זיך ווען־נישט־ווען מיט די בליקן, פלעגן זיי זיך אײַליק אָפּקערן, דערשראָקן דורך די גרינגע פײַערן פון וואָלפישן כּעס און שנאה, וואָס פלעגן אויפפלאַקערן אין די באַגעגנטע שוואַרץ־אַפּלען.

פּונקט אַזוי אומבאַוואוסטזיניק האָבן זיי זיך געהאַלטן אויף אַ געוויסן שטח איינער פון אַנדערן, מורא געהאַט זיך שטאַרק צו דערנענטערן, אַזוי ווי פילנדיק, אַז דאָס צורירן זיך פון קערפּער צום קערפּער קאָן זיי פאַרוואַנדלען אין חיות.

זיי האָבן נישט געהאַט וואו צו גיין. אַ ריזיק איינ־לאָך, וואָס האָט זיי איבערגעשניטן דעם וועג, האָט זיך געצויגן אָן אַן עק אין ביידע זײַטן. זײַן אַנטקעגנדיקער ברעג איז קוים קענ־טיק געווען אויפן האָריזאָנט ווי אַ פאָספאָריצירנדיק בלויליכער פּאַסיקל

אויף די נידעריקע גרויע וואָלקנס האָט פונדערווייטנס געציטערט אַ טונקל-בלויער אָפּגלאַנץ. דאָרטן, הינטערן אייז, איז געווען דער פרייער ים, דער טונקעלער אָפּגלאַנץ האָט מיט דער שטומער סימנים-שפּראַך גערעדט וועגן דעם. אָבער זיי האָבן נישט געקענט די דאָזיקע שפּראַך, און ווען זיי זאָלן זי קענען — וואָלט דאָס זיי נישט געהאָלפן.

ווען-נישט-ווען פלעגט די פאָדערשטע פיגור זיך שטרויכלען, פאַלן אויף די קני און נאָכדעם לייגן זיך לענגאויס, אויסגעצויגן די הענט, און גלייך פלעגט זיך אויך לייגן אין שניי די הינטערשטע, אַזוי ווי אָפּהיטנדיק אירע באַוועגונגען.

און ווי נאָר די ערשטע פלעגט זיך אויפהייבן, פלעגט נאָך איר ווי אַ שאָטן אויפשטיין די אַנדערע און ווידער אָנהייבן דעם טראַגישן קרייז. צוויי טעג און צוויי נעכט האָט געדויערט דער דאָזיקער מסוכנדיקער שפּיל, ביז די ערשטע האָט זיך ענדלעך שאַרף אומגעקערט און זיך געלאָזט מיט אַ ריטשען און אַ פאַרכליניען-זיך אויף דער נאָכפאָלגנדיקער.

אין ערשטן שאָטן וואָלט קיינער פון די, וואָס האָבן אים געקענט, נישט דערקענט דעם געוועזענעם לופט-קעניג, לייטענאַנט גיליאַמע. שוואַרצע, האַרטע האָר זענען דורכגעוואַקסן דורך זיין אָפּגעשיילטער הויט. די הויט האָט זיך געשיילט שיכטנווייז און איז אַראָפּגעהאַנגען פון די באַקן, ווי די אַראָפּקריכנדיקע הויט פון אַ שלאַנג. זי האָט פאַרוואַנדלט דאָס אַזוי אויך שוין צעקרימטע פנים אין אַ פאַנטאַסטישער מאַסקע פון פלעק-דזשומאַ. די צעהאַקטע ליפּן האָבן געבלוטיקט, און די אונטערשטע קינבאַק האָט זיך היהש אַרויסגערוקט.

ער איז געגאַנגען וואַקלענדיק זיך און האָט וואָלפיש געקלונגען מיט די אויסגעשטשירעטע ציין, געהאַלטן אויסגעצויגן די הענט, וואָס האָבן געכאַפּט די לופט.

די אַנדערע פיגור האָט זיך צעפגעשטעלט, האָט אַ ציטער געטון, האָט נעבעכדיק הינטיש אָנגעהויבן צו סקאַוואויען און, זיך אַראָפּלאָזנדיק אויף די קני, האָט זי געקוקט אויפן צוקומענדיקן גיליאַמע, אויך שטשירענדיק די דראָבנע ווייסע ציין. איר

פנים איז אויך געווען צעקרימט און צעבראָכן דורך א היהשער פארוואַנדלונג.

עסלעכע טריט פאר איר האָט זיך גיליאָמע אראָפגעלאָזט אויפן שניי און האָט אָנגעהויבן צו קריכן אויף אַלע פיר, זיך איינבייגנדיק און פארדרייענדיק דעם קאָפּ.

מאדלען האָט געשאַרט מיט דער לינקער האַנט איבערן שניי. א שטיקל אייז איז איר אונטערגעקומען אונטער דער הענטשקע, זי האָט עס געכאַפּט און מיט א קוויטש געוואָרפן אין צוקריכנדיקן קענגער. דאָס שטיקל אייז האָט שוואך א פלי געטון און איז דורכגעפלויגן דערלעבן, און אין דעם זעלבן מאָמענט האָט א שטויס פון אַן אַרויפגעפאַלענעם קערפער אומגעוואָרפן זי אויפן רוקן. הענט, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט ווי נעגל, האָבן אָנגעהויבן צו שארן ביי איר האַלז.

דאַן האָט אַן אומגעהייערער פחד אויפגעוועקט אין איר דאָס מענטשלעכע און מיט א וואַיענדיקער שטים האָט זי א געשריי געטון הויך און קלינגענדיק:

— אַלפרעד !... אַלפרעד !... וואָס איז מיט דיר ? !...

די הענט זענען אראָפגעפאַלן פון איר האַלז. דער מענטש איז געלעגן מיטן פנים אראָפּ, האָט מיט די פינגער געדראַפּעט דעם שניי, איבערגעלאָזט אויף אים טראָפּנס בלוט און האָט טויב געיאָמערט.

זי האָט זיך איינגעבויגן איבער אים, זי האָט גיך און צארט געגלעט זיין פוטערנע קליידונג, נישט דייטלעך געמורמלט אומקלאָרע, שוין לאַנג פארגעסענע צארטע פארקלענערונגס־נעמען, וואָס זענען אויפגעשוואומען אין איר, דורך ווייטיק אויס־געלייטערטן באַוואוסטזיין.

זי האָט זיך באַמיט אויפצוהייבן זיין שווערן, אויסגעמאַטערטן קאָפּ. אליין אָן כוחות, פארלירנדיק די רעשטלעך כוח, האָט זי געטראַכט וועגן אים, און איר האָט זיך געוואָלט בלויז לייכטער מאַכן זיין שווערקייט.

אָבער ער האָט זיך עקשנותדיק אָנגעשפּאַרט אין שניי און געמעקעט.

נאָכדעם האָט ער זיך אַ ריס געטון, איז אויפגעשפּרונגען און פלאָנטערנדיק מיט די פיס איז ער אַנטלאָפן פון איר.

זי האָט נישט געהאַט קיין כּוחות אויפצוהייבן זיך נאָך אים, זי האָט נאָר מיט אַ קרעכץ אויסגעצויגן נאָך אים די אַראָפּפאַלנדיקע הענט.

גיליאָמע איז אַנטלאָפן נישט ווייט און איז ווידער געפאַלן. זיך אונטערגעהויבן, האָט ער צוזאַמענגעדריקט די שלייפן און, וויגנדיק זיך הין און צוריק, אַ באַטויבטער און דערדריקטער, האָט ער פּוסט געקוקט פאַר זיך.

די הויקערס פון די אייז-קריעס, די שנייען, דער האָריזאָנט האָבן זיך געוואַקלט און געדרייט אין אַ טאַנץ. אַלץ איז געווען מטושטש, נישט זיכער און ווייטיקדיק ווייס. אין דערדאָזיקער ווייסקייט האָבן די אויגן געזוכט עפּעס אַ פאַרביקן פלעק, פאַר וועלכן מ'זאָל זיך קענען אָנהאַלטן, כּדי אָפּצושטעלן דאָס דרייען זיך פון דער זילבער-ווייסער קאַרוסעל.

און פּלוצלינג האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז הינטערן אייז-פעלז, אַ פערציק טריט אָפּגעלעגן, זענען אַרויסגעשוואומען פון דער ווייסקייט דריי פּיטשינקע שוואַרצע פּינטעלעך. ער האָט צוגענומען די פינגער פון די שלייפן און האָט אַ רייב געטון די אויגנלעפּלעך. די פּינטעלעך זענען נישט פאַרשוואונדן. ער האָט זיך אונטערגעהויבן. די פּינטעלעך האָבן זיך אַ באַוועג געטון.

ער האָט נאָכאַמאָל אויסגעווישט די אויגן. דער באַטיסט, וואָס האָט פאַרשטעלט די אויגן, האָט זיך אויסגעלייטערט, און ער האָט דערזען אויפן שפּיץ פון אייז-פעלז אַ געבלעך-ווייסן סילועט פון אַ בער.

דער בער איז געשטאַנען און געשמעקט די לופט, אויסציענדיק אַ לאַנגע בייזע מאָרדע.

נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אים די אויגן, האָט גיליאָמע זיך שטיל אונטערגעהויבן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די הענט, און ענדלעך זיך אויפגעשטעלט אין דער גאַנצער גרויס. דער בער איז געשטאַנען ווי פריער אָן באַוועגונג.

ער האָט פאַרשטאַנען די לאַגע. ער האָט געזען, אַז פאַר

אים זענען בלויז צווי, און דידאָזיקע צווי זענען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זיי קאָנען נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד. ער איז געשטאַנען און האָט געוואַרט, ביז זיי וועלן אומפאַלן, כדי מער נישט אויפצושטיין.

דער בער איז געווען געזונט און זאַט. ער האָט זיך נישט געאײַלט, ער האָט געקאָנט וואַרטן לאַנג.

גיליאָמע האָט זיך אומגעקוקט אויף מאַדלען. זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך. דאַן, גייענדיק שטיל הינטער זיך, האָט ער אָנגע־הויבן צוצוקריכן צו איר. ס'איז אים נייטיק געווען אין דעם מאָמענט צו פילן די נאָענטקייט פון אַ צווייטן מענטשלעכן, — זאָל זײַן מאַכטלאָזן — קערפּער.

איינצייטיק מיט דעם, ווי ער איז אָפּגעגאַנגען, האָט זיך דער בער פאָרזיכטיק און געררושלאָז אַראָפּגעלאָזט נאָך אים פון אייז־פעלז אויפן גלייכן אייז.

צוגעקראָכן צו מאַדלען, האָט גיליאָמע זי אָנגעהויבן צו טרייסלען.

אַ ווילדער און צעשויבערטער, האָט ער געטרייסלט איר אַקסל און אַרויסגעוואָרפן מיט אַ הייזעריק שעפּטשן אָפּגעהאַקטע ווערטער.

— מאַדלען!... מאַדלען!... דאָרט... דאָרט... זעסט אַ ווײַ־סער... ער איז געקומען נאָך אונז... אָבער איך וועל אים דער־הארגענען... מירן האָבן פלייש... מירן לעבן, מאַדלען... לעבן.

זי האָט זיך מיט מי איבערגעקערט אויף אַ זייט און האָט שטאַר געקוקט אויף די דריי שוואַרצע פינטעלעך. — די נאָז און די אויגן פון בער. נאָכדעם, אַזוי ווי זי זאָל האָבן פאַרשטאַנען, האָט זי אָנגעהויבן צו מורמלען:

— יאָ, יאָ... אַלפרעד... דערהרגע אים... מיר דאַרפן לעבן.

און אַזוי ווי אין אירע ווערטער וואָלט געווען אַ שטראָם, וואָס שטויסט פאָרויס, וואָס האָט דערוועקט די זכרונות פון אַמאָל, איז גיליאָמע, וואַקלענדיק זיך, אויפגעשטאַנען, און אַזוי ווי אַן אַקס, איז ער שווער געגאַנגען אַנטקעגן דעם בער.

דער בער האָט מיט אַ רויקער נייגיריקייט באַאָבאַכטעט זיין דערנענטערן זיך.

דער מענטש האָט זיך געוואַקלט און איז געגאַנגען, מיט צעשפרייטע הענט און אויסגעשטשירעטע ציין, אַזוי ווי ער זאָל שוין רייסן מיט די קליקעס דעם שונא. דער בער אָבער האָט געוואוסט זיין כח און האָט געוואַרט.

ווען דער מענטש איז געווען צען טריט ווייט פון אים, האָט דער בער טויב אַ ברום געטון און זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס.

זיי זענען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, אויסוואַרטנדיקע, אַנגעשטרענגטע, ביידע גרייט צום וואַרפן זיך. אָבער דער מענטש האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך דערמאַנט. דער געפּעדלעכער מאָמענט האָט אייגנטלעך אויפגעוועקט זיין זכרון. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די הענטשקע און, אַריינרוקנדיק די האַנט אין קעשענע פון פעלץ, האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ גרויסן רעוואָלווער.

דער בער האָט מיט נייגיריקייט געקוקט, ווי דער מענטש האָט אַ פּאַכע געטון מיט עפּעס אַ פלאַטשיקער שוואַרצער זאַך, האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט אַ זייט און אַוועקגעלייגט דידאָזיקע זאַך אויפן ציטערנדיקן איינבייג פון לינקן עלנבויגן.

ער האָט נאָכגעשט באַוויזן צו באַטראַכטן דידאָזיקע אינטערעסאַנטע זאַך און האָט פון כעס אַ פּאַכע געטון מיט די לאַפּעס און זיך צערעוועט. אָבער זיין רעווען האָט זיך אָפּגעריסן אינם אָפּהילך פון צוויי קנאַלן, און דער בער האָט דערפילט, ווי ברענענדיקע און געצייכנטע נאָדלען האָבן אין צוויי ערטער דורכגעריסן זיין פעל און אַן אייזערנע ווייטיק האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין חוט-השדרה.

ער האָט אַ ריטשע געטון, און אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף אַלע פיר לאַפּעס, האָט ער אָנגעהויבן אַנטלויפן.

אָבער די אייזערנע ווייטיק איז זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן קערפּער, און דורכלויפנדיק מיט אַ קרומען לויף דעם שטח, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון אייז-לאַך, האָט דער בער אונטער-

געבויגן די לאַפּעס און זיך איבערגעקערט אויף דער פּלייצע, זיך קייקלענדיק און אויפהייבנדיק מיט די נעגל וואַלקנס שניי־שטויב.

נאָכדעם איבערגעקערט זיך אויף אַ זייט און זיך אויסגעצויגן.

גיליאַמע איז מיט יללות צוגעלאָפן צום אויסגעצויגענעם בערישן קערפּער.

פינף טריט פאַר אים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און װידער אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער.

אַ נייער שטאָך פון אַ נאָדל האָט אַ ריס געטון דעם בערישן קערפּער און האָט אויפגעוועקט דעם בער פון שטערבלעכער מאַכטלאָזיקייט. צונויפקלויבנדיק דעם גאַנצן אָוועקגייענדיקן כּוח, איז ער אויפגעשפּרונגען, אַ ריזיקן שפּרונג געטון אויפן ראַנד פון אייז, זיך איבערגעקערט, און אויפהייבנדיק אַ וואָלקן וואַסער־שפּריצן, האָט ער אַ פאַל געטון אין וואַסער.

ער האָט צולעצט געגעבן צוויי מאָל אַ שוואַכן פּאַכע מיט די דורך ווייטיק פּאַראַליזירטע לאַפּעס און האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אונטערן אייז, געטראָגן דורכן שטראָם. שטאַרבנדיק, האָט ער געדענקט אײנס, אַז אַפילו טויטערהייט טאָר מען זיך נישט אָפּגעבן אין די הענט פון אַ מענטש.

גיליאַמע איז געשטאַנען ביים ראַנד פון אייזלאָך און האָט זינלאָז געקוקט אויף די שטיקלעך אייז, וואָס האָבן געטאַנצט אויפן אויפגערודערטן, דורך דער חיהס פאַלן, וואַסער.

זיין מויל האָט זיך צעקרומט אין אַ העסלעכער מינע. ער האָט אַ געשריי געטון און געוואָרפן דעם רעוואָלווער נאָכן בער אין וואַסער אַריין מיט אַן אומבאַוואוסטזיניקער, אומווילנדיקער באַוועגונג.

די הענט אַראָפּגעלאָזט לענגאויס די היפטן, בייגנדיק די קני, האָט ער זיך געשלעפּט צוריק, צו מאַדלען.

זי האָט געקוקט אויפן אָנקומענדיקן מיט אַ פרעגנדיקן, נעבעכדיקן שמייכל.

גיליאַמע האָט אויפגעשווידערט.

— איך האָב אים דערהרגעט... יאָ, איך האָב אים דער־

הרגעט... דו גלייבסט נישט ? כ'שווער דיר, אז כ'האָב אים דער-הרגעט... אָבער ער איז געפאַלן אין וואַסער... ער איז דערטרונ-קען געוואָרן, די פאַרשאָלטענע חיה... ער איז אַוועק.

מאַדלען איז אומגעפאַלן.

גיליאָמע איז פאַרלוירן אונטערגעשטאַנען לעבן איר. זיין פּנים איז געוואָרן צעשוואומען, ווייך. ער האָט זיך איינגעבראָכן אין דער העלפט און זיך אַנידערגעלייגט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ אויף איר היפּט.

*　　*

*

טרייסלענדיק זיך, האָט גיליאָמע אַראָפּגעלאָזט דעם קאַפּטור. אויף מאַדלענס ווייס האָט מיט שטערנדלעך געגליווערט דער פראָסט. ער האָט אויך געגליווערט אויף די האַלב-אָפענע ליפּן און אויפן פּאַסיקל דראָבנע ציין. גיליאָמע האָט געפּרוווט אויפהייבן איר האַנט.

זי האָט זיך נישט געבויגן. ער האָט מיט דער גאַנצער שווערקייט זיך אָנגעלייגט אויף איר עלנבויגן. מיט אַ סקריפּע-דיקן קנאַקן, האָט זיך די האַנט איינגעלייגט.

דער קלאַנג פון דאָזיקן קנאַקן איז ווי אַ פראָסט דורכגע-גאַנגען איבער גיליאָמעס פּלייצע. ער האָט זיך געזעצט און איז פאַרשטאַרט געוואָרן, קוקנדיק אויף מאַדלענס בלוי-ווייסע באַקן. אָבער דאָסדאָזיקע בילד איז געווען אומדערטרעגלעך, און ער איז ווידער אומגעפאַלן לעבן איר.

ער האָט מיט אַלע כּוחות געבלאָזן אויף דידאָזיקע ווי שטיין האַרטע באַקן, באַמיט זיך זיי אָנצוװאַרעמען. זיי זענען אָבער געבליבן פּונקט אַזוי האַרט, אײזיקע, אָפּגעשטאָרבענע.

ער האָט זיך אונטערגעגעבן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ער איז געלעגן עטלעכע שעה, וויפיל — האָט ער נישט געוואוסט. די צייט האָט פאַרלוירן פאַר אים יעדן זין.

אַן אייזערנע באַרשט האָט צעריסן זיין אינגעווייד. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט. ער האָט געפילט בלויז איין פאַרלאַנג: עסן, עסן, עסן.

ער האָט זיך הילפלאָז און פּאַרפּייניקט אומגעקוקט.

פון די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבער זיין קאָפּ, האָט זיך אַלץ שטאַרקער געשאָטן אַ שניי. ס'האָט זיך ווי־דער אָנגעהויבן אַ זאַווערוכע. פון אייז־לאַך האָבן אים זיך גע־טראָגן אין פּנים ווייסע ווינטן.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעמדאָזיקן נעפּל און האָט געמאַכט עטלעכע טריט הינטער זיך, פילנדיק, ווי עס שטעלן זיך אים אונטערן קאַפּטור די האָר אויפן קאָפּ. פון דעם זאַווערוכע־חושך איז אַרויסגעשוואומען אויף אים אַ ריזיקע, בלישטשענדיק־ווייסע, זיך לאַנגזאַם וויגנדיקע מאַסע.

זי איז געווען פּאַרמלאָז און ריזיק. זי האָט געהאַט אַ ברייטע, אומבאַוועגלעך־פאַרגליווערטע מאָרדע, ענלעך צו יענער, וועלכע ער האָט שוין געזען אַמאָל, אין מאָמענט פון חלשות, אַרויס־געריסן דורכן פאַלן פון הידראָפּלאַן.

אין איר גיריק־אויפגעעפנטן פּיסק האָבן געבליצט אויסגע־שטשערבעטע אייזיקע רייס־ציינער, און מיט אַן אייזיקער, אכזריות־דיקער, פאַרפרירנדיקער טעמפּקייט האָבן געקוקט אירע קיילעכדי־קע, גרינלעכע סאָדע־אויגן.

זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן מיט צעשפּרייטע לאַפּעס, אַן אומבאַרחמנותדיקע, אַן אומפאַרמיידלעכע, און ס'איז נישט געווען קיין רעטונג פון איר. מיט אַן אויפבליץ פון אויסגייענדיקן באַוואוסטזיין האָט גיליאַמע פאַרשטאַנען, אַז דאָס קומט צו צו אים דער ווייסער שנייאיקער אונטערגאַנג און, אָפּשטופּנדיק זיך פון אים מיט די הענט, איז ער אַריינגעשפּרונגען אין שוואַרבן תהום פון וואַסער, וואו ער האָט אים נישט געקאָנט אָניאָגן.

10

אַ זומערדיקער פרימאָרגן האָט זיך צעבליט איבער דזשער־רי־באַי, איבער דער בוכט, איבער די צעשויבערטע פעלזן־שטערנס.

דאָס טירל פון הינטערשטן גאַניק פון הייזל, וואָס האָט

געהערט צום עלטערן אינזשיניער פון דער פאַקטאָריע, האָט זיך געעפנט מיט אַ שטיל סקריפּען און פון איב איז מיט אַ זייט אַרויסגעקראָכן נילס וואַללאַן.

ער האָט שוין איצט נישט מורא געהאַט פאַרן אינזשיניער. ער האָט תנאים געשלאָסן מיט אינגוואַר און ער פלעגט קומען צו איר אַלס חתן.

ער איז געשטאַנען אויפן גאַניק, אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ דעם וואַרעמען, לאַשטשענדיקן ווינט, און האָט שטיל געשמייכלט מיט אַ באַפרידיקטן און שיינענדיקן שמייכל. ביינאַכט, צווישן קושן, איז זיך אים אינגוואַר מודה געווען, אַז זי איז מעוברת פון אים.

ער האָט געשמייכלט און געטראַכט וועגן דעם, אַז ער וועט האָבן אַ גוט, גראָביטשקע, ראָז ייִנגעלע, וועלכעס וועט קייקלען הינטער אים, טופּענדיק מיט די פיסלעך, איבערגעבונדענע מיט פעדימלעך פון דיקקייט.

ער האָט שוין געטראַכט וועגן דעם, ווי ער וועט אים אָנ־רופן, און ער האָט נישט געקאָנט צוטראַכטן קיין גוטן נאָמען.

אַ שאַרף מעלאָדיש געשריי האָט אָפּגעקלונגען איבער זיין קאָפּ. ער האָט אַ קוק געטון אויף אַרויף. איבערן דורכזיכטיקן הימל איז ווי אַ צעבראָכענער, בלאַנקנדיק־ווייסער צירקל געפלויגן אַ טשערעדע ווילדע גענז. זיי זענען געפלויגן צום צפון און, באַ־גלייטנדיק מיט די אויגן זייער מאַיעסטעטיש פליען, האָט זיך נילס וואַללאַן דערמאָנט אָן דעם מענטש, אין וועמענס אויגן ער האָט אַריינגעקוקט אין האַפן אין דער שעה, ווען דער מעטאַלע־נער פויגל איז אָפּגעפלויגן צום צפון.

ער האָט געוואוסט, אַז די אַוועקגעפלויגענע וועלן זיך נישט אומקערן. וועגן דעם האָט מען שוין גערעדט אין ישוב, און דער דירעקטאָר העלמסען האָט פאַרבראַכט אויפן ברעג עטלעכע שלאָפ־לאָזע נעכט, איינקוקנדיק זיך אין דער פייכטער און ליידיקער ים־ווייטקייט און אין גלייכגילטיקן הימל.

נילס וואַללאַן איז אַראָפּ פון די טרעפּלעך און האָט אָנגע־שטאָפּט די פייקע. ער האָט פאַררייכערט, צוגעמאַכט די אויגן

און זיך דערמאָנט דעם שטרענגן און שווערן פּראָפיל פון יענעם, וואָס האָט אים אַ קלאַפּ געטון איבערן אַקסל פאַרן אַפּליען.

און אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ, האָט ער געזאָגט אַליין צו זיך:

— אוודאי, דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַן אַלטער... מ'קאָן גאָר אָנרופן דאָס בחורל מיט זיין נאָמען. אונזער בחורל דאַרף אויך זיין נישט קיין שלעכטער יאַט.

ער האָט זיך צעלאַכט און, אַרויפקוואַרפנדיק אויף די ווייסע געדיכטע ברעמען אַ וואָלן, גרין, מיט ווייס געשטרייפט מיצל, איז ער אַוועק מיטן שטעג צום ישוב.

ל'ענינגראַד. אָקטאָבער—נאָוועמבער 1928 יאָר.